יודען, גיי צענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראָשען (טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 9) היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 119 | Łódź, Sroda, 23 maja 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ט סיון תרצ"ד | № 119

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

אדוו. סעמיועלס פערטיידיגונגס=רעדע אין ארלאזאראוו=מארד=פראצעס

ירושלים, 22 (י.ט.א. טעלעגראפיש).
אויף דער זיצונג פון געריכט אין פראצעס בענען סטאווסקי און ראזענבלאט האט דער אדוו. סעמיועל געהאלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האט אנאליזירט די ערקלערונגען פון די ערשטע פערטיידיגונגס עדות. דער פערטיידיגער האט געזאגט, אז די עדות האבען צוקלאפט אלע אויסגעבויטע השערות פון דער פאליציי, פון די ערשטע עדות איז שוין צו זעהען, אז דער ארלאזאראוו מארד האט נישט געהאט קיין פאליטישען הינטערגרונד.

אחי מאיר איבערגעפיהרט געווארען קיין עכו

ירושלים, 22 (יט"א טעלעגראפיש)
אבא אחי מאיר איז איבערגעפיהרט געווא־רען פון דער ירושלים'ער תפיסה קיין עכו, הרב קוק האט אויפגעפאדערט אחי-מאירן איבערצו־רייסען דעם הונגער-שטרייק, ווייל דאס איז נישט לויט'ן יודישען דין.

ליטווינאוו האט זיך בעגעגענט מיט טראצקי'ן?

פאריז, 22 (ספ. טעל.)
אין צוזאמענהאנג מיט ליטווינאוו'ס בעזוך אין מענטאן, האט זיך אין די פאריזער סאציא ליסטישע קרייזען פערשפרייט א קלאנג, אז ליטווי נאוו זאל זיך האבען בעגעגענט מיט טראצקי'ן און מיט איהם געהאט א לענגערען שמועס.
לויט די זעלבע קלאנגען זאל טראצקי אליין האבען פערלאנגט דעם שמועס מיט ליטווינאוו'ן, צוליב דעם, וואס טראצקי זאל האבען געוואלט, דורך ליטווינאוו'ס פערמיטלונג, איבערגעבען א ברייטע דעקלאראציע צו דער פאליטישער ביורא פון דער קאמוניסטישער פארטיי.
עס איז אבער נישט פערהאן קיין בעשטע טיגונג אויף דעם דאזיגען קלאנג.

נאך דער איבערקעהרעניש אין בולגאריען

סאפיא, 22 (ספ. טעל.)
קעניג באריס האט נעכטען אפגעהאלטען קאנפערענצען מיט פערטרעטער פון דער נייער רעגירונג.
סאפיא, 22 (ספ. טעל.)
לויט א פעראָרדנונג פון פרעמיער געארגיעוו זענען די מיניסטארען פענסיעס רעדוצירט געווא רען מיט 50 פראצענט. א חוץ דעם האט דער פרעמיער פעראָרדענט צו רעדוצירען די צאהל אויטאס פאר די העכערע מלוכה בעאמטע, צו סקאסירען די סאלאן וואגאנעס, אזוי, אז די מי ניסטארען וועלען פאהרען אין די אלגעמיינע, נאר אין רעזערווירטע וואגאנעס. אויך אלע צוגאב פענסיעס ווערען סקאסירט.

נישט געלונגענער היטלעריסטישער אטענטאט אין עסטרייך

ווין, 22 (ספ. טעל.)
אין בראינאו האבען די היטלעריסטען גע־וואלט אויספיהרען אנ'אטענטאט אויף דער עלעק טראווניע, וואס עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבען.
אין קאנצענטראציע לאגער האט מען אין די לעצטע טעג איינגעזעצט 8 היטלעריסטען.

פרעמיער קאזלאווסקי ביים מלוכה-פרעזידענט אין שלאס

ווארשא, 2 (טעלעפאניש) דער פרעמיער קאזלאווסקי איז היינט געווען אין שלאס, וואו ער איז אויפגענומען געווארן דורכן מלוכה פרעזידענט.
בעת'ן לענגערן שמועס האט דער פרעמיער בעקענט דעם מלוכה פרעזידענט מיט זיינע לויפנדע ארבייטען.

רוזוועלט וויל אויסגלייכען זיל־בער מיט גאלד-דעקונג אין געלד-פערקעהר

וואשינגטאן, 22 (ספ. טעל.)
רוזוועלט האט זיך געווענדעט צום קאנגרעס מיט א דעקרעט וועגען זילבער. ער לייגט פאר, מ'זאל געבען דער רעגירונג א פולמאכט ארויסצו־געבען א געזעץ, וואס זאל האבען דעם ציל איינצו־פיהרען א זילבער־דעקונג אין געלד־פערקעהר. רוזוועלט טיילט אויך מיט, אז ער האט שוין אנ־געהויבען אונטערהאנדלען מיט די שכנות'דיגע לענ־דער, מען זאל אנהויבען גלייכמעסיג אנווענדען דעם געברויך פון זילבער און גאלד אלס געלד־דעקונג.
רוזוועלט לייגט פאר איינצופיהרען א שטייער אין דער הויך פון 50 פראצענט פון פערדינסט, וואס שטאמט פון האנדעלס־אפעראציעס מיט זיל־בער־געלד.

לאדזער יודען!

ווילט איהר, אז אייערע רעכט זאלען ווי געהעריג פערטיידיגט ווערען אויפ'ן פארום פון דער שטאטישער זעלבסטפערוואלטונג. ווילט איהר האבען אפענע טירען, צו וועמען איהר זאלט זיך קענען ווענדען אין יעדער עת צרה — דאן שטימט און אגיטירט אויף די פאלקיסטישע קאנדידאטען, וועלכע פיגורירען אויף די ליסטעס פון פעראייניגטע יודישען וואהל-בלאק.

אין 9. וואהל-קרייז: אדוו. יוסף ווייצמאן, מאג. מ. באלבארישסקי.

אין 10. וואהל-קרייז: ראטמאן און פרנס פ. כארי. אין 2. וואהל-קרייז: מ. הערשקאוויטש. אין 5. קרייז: י. קאמפעל

אלע אונזערע חברים ווערען געבעטען צו קומען היינט אויפ'ן גרויסען וואהל-מיטינג פון פער. יודישן וואהל-בלאק אין פילהארמאניע, 8 אוונט.

סוחרים, אינדוסטריעלער, פיזישע און גייסטיגע ארבייטער! פרייע בערופען!

אין פערשטענדניש פאר דער ערפאלגרייכער פערטיידיגונג פון זייערע בירגערליכע רעכט און ווי אויך די ווירטשאפטליכע און פראפעסיאנעלע אינטערעסען, דארפען אפגעבען זייער שטים ביי די וואהלען צום שטאט=ראט. דעם 27-טען מאי, אויף די קאנדידאטען פון

יודיש=אונפארטייאישען געזעלשאפטליך-ווירטשאפטליכען וואהל-קאמיטעט

אין 10=טען וואהל-קרייז: פאר
סטאניסלאוו דאבראניצקי, אדוואקאט

אין 2=טען וואהל-קרייז: פאר
יאקוב ליבראד, האנדעלס=ריכטער.

פעראייניגטער יודישער וואהל=בלאק

יודיש=אונפארטייאישער געזעלשאפטליד-ווירטשאפטליכער וואהל=קאמיטעט, טראוגוטא 8, טעל. 19=180.

7 די ליסטע פון פעראייניגטע ציוניסטישע בלאק 7

אין IX וואהל קרייז
(נאוואמיעסקא גאס, אלטשטאט און באלוט)
טראגט דעם נומער

דאס איז די ליסטע פון בעוואוסטזיניגען יודענטום, אויף דער ליסטע פיגורירען אויסגעפרובטע פערטיידיגער פון די יודישע אינטערעסען בעקאנטע נאציאנאלע עסקנים

ג' לאווניק אלעקסאנדער יאעל
ד"ר ז. עלענבערג, מאג. י. זאנדער
משה קארא, מ. ח. רומקאווסקי א. א.

אלע יודען פון נאוואמיעסקא גאס, אלטשטאט און באלוט שטימען זונטאג, דעם 27-טען מאי פאר זייער ליסטע נומער 7.

יוד. ארבייטער=וואהל=קאמיטעט „פועלי=ציון"

זונטאג, דעם 27 מאי שטימען די יודישע ארבייטער, ארבייטענדיגע אינ־טעליגענץ, האנדווערקער און ארימקייט פאר די ליסטעס פון „פועלי=ציון"

אין IX=טען וואהל קרייז ליסטע נומער 2
אין X-טען וואהל קרייז ליסטע נומער 4
אין I-טען וואהל קרייז ליסטע נומער 7

אונזערע קאנדידאטען זענען: 1) ל. האלענדערסקי, ביוראליסט, ג. ראטמאן; 2) א. קאגאן, לעהרער, פערוואלטער פון די בארכאוו שולען; 3) ב. ווינדזבערג, ד"ר מעדיצין; 4) מ. פעדער, צאהן טעכניקער; 5) ש. ראזענבערג, פיהרער פון טראנספארט ארבייטער פעראיין; 6) מ. שווארצבארד, אנגעשטעלטער; 7) י. קארפעל פליישער ארבייטער, פערוואלטונגס מיטגליד פון פליישער פעראיין; 8) ש. קירשענ־בוים. טרעגער, פארזיצער פון טראנספארט פעראיין; 9) מ. מאניעלאק, שניידער ארבייטער; 10) מאפטשע י., לעהרערין; 11) יוסף זילבערבארד, שניידער ארבייטער; 12) מ. פעפער, שאקאלאד ארבייטער, פארזיצער פון צוקערוואַרג פעראיין; 13) ח. בראנד, סעקרעטאר פון ראט פון די פראפ. פעראיינען; 14) ש. עדעלמאן, פארזיצער פון ראט פון די פראפ. פעראיינען.

אגיטירט און שטימט פאר „פועלי=ציון"!

ח"ח צייטונגס-פערקויפער!

פון פאמארסקא 15.
היינט, מיטוואך, 8 א זייגער אווענט קומט פאר א זעהר דרינגענדע

פערזאמלונג

מיט דער בעטייליגונג פון ווארשאווער און לאדזער וויכטיגע פערזענליכקייטען.
חברים! געדענקט, אז עס האנדעלט זיך וועגען אונזער עקזיסטענץ און אונזער פעקסטיזש — דעריבער זאל קיינער נישט פעהלען פון אייך!
מיט אכטונג די פערוואלטונג

צום היינטיגן אַלג. שטרייק אין ארץ־ישראל

צענטער. פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע פּראָטעסטירט געגן דער עליה־בעגרעניצונג

וו א ר ש אַ, 22 (יט"א טעלעגראַפיש)

אויף דער היינטיגער פּלענאַר־זיצונג פון צענטראַלען פּאַלעסטינא־אַמט, מיט'ן אנטייל פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, איז אָנגענומען געוואָרען אַ שטעלונג צו דעם אַלגעמיינעם שטרייק, וועלכער הויבט זיך אָן מיטוואָך, דעם 23 מאַי, אלס פּראָטעסט געגען די עליה־בעגרענצונגען.

ס'איז אָנגענומען אַנ'איינשטימיגע רעזאָ־לוציע, וועלכע סאָלידאַריזירט זיך מיט'ן ישוב און פּראָטעסטירט געגען דעם בעגרעניצען די עליה דורך דער ארץ־ישראל רעגירונג.

הויך־קאָמיסאַר בעזוכט קאָלאָניעס צו זעהען

ווי די דייטשע יודען זענען איינגעאָרדענט

ירושלים (יט"א) אין בעגלייטונג פון משה שערטאָק האָט דער הויך־קאָמיסאַר פון א"י, סער אַרטור וואַוקאָפּ, געמאַכט אַ ריידע איבער די יודישע קאָלאָניעס אין שומרון, כדי צו זעהן, ווי אַזוי די איינגעוואַנדערטע יודען פון דייטשלאַנד האָבען זיך איינגעאָרדענט ביי ערד־אַרבייט.

דער הויך־קאָמיסאַר איז געווען זעהר איבער־ראַשט, ווען ער האָט אין אַ רייה קאָלאָניעס ווירק־ליך געטראָפען געוועזענע יודישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען פון דייטשלאַנד, אַרבייטענדיג אַלס איינפאַכע ערד־אַרבייטער. אין דער קאָלאָניע פּרדס חנה האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פערפיהרט גע־שפּרעכען מיט געוועזענע יודישע אַדוואָקאַטען און סוחרים פון פראַנקפורט, שטוטגאַרט און בערלין, און האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט, ווען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז אין דער דאָזיגער קאָלאָניע אַליין זענען פערהאַן העכער אַ טויזנט יו־דישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען פון דייטש־לאַנד, וואָס האָבען זיך גענומען צו ערד־אַרבייט.

בעת זיין בעזוך איבער די קאָלאָניעס האָט דער הויך־קאָמיסאַר בעשפּראָכען מיט די יודישע קאָלאָניסטען פערשידענע פּרטים וועגען זייער לאַ־גע, ער האָט אָבער אויסגעמיטען צו ענטפערן אויף די ביטעס, אַז ער זאָל אַריינלאָזען מעהר יודישע איינוואַנדערער קיין א"י. אויף אַ פּעטיציע, וואָס איז איהם דערלאַנגט געוואָרען וועגען יודישער עליה, אין איינער פון די קאָלאָ־ניעס, האָט ער געענטפערט: קורץ:

„איך האָב בישט קיין אינטערעס זיך אַריינ־צולאָזען מיט ווֶעמען עס איז אין אַ דעבאַטע וועגען דער יודישער איינוואַנדערונג. איך האָב שוין וועגען דעם גענוג גערעדט מיט ה' שערטאָק'ן.

בעפרייט ארעסטירטע סאָציאַ־ליסטען אין ווין

געוו. בירגערמייסטער זייץ ווייטער געבליבען אין ארעסט

ווי ען, 22 (ספּ. טעל.)

לויט אַ פעראָרדנונג פון געריכט, זענען בע־פרייט געוואָרען פון אַרעסט, די מיטגלידער פון דער הויפּט־פערוואַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָ־רען אין פעברואַר, אונטער דער בעשולדיגונג אין מלוכה־פערראַט.

עס זענען אָבער ווייטער געבליבען אין אַרעסט, דער געוו. בירגערמייסטער זייץ און דאַנענבערג.

צווישען די בעפרייטע געפינען זיך ד"ר רענער, בריינער און עלענבויגען. די בעשולדיגונג וועגען מלוכה־פערראַט איז געגען זיי צוריקגעצויגען געוואָרען. זיי וועלען אָבער זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר אַרויסרופען אַ בונט.

דאָלפוס רעדע געגען היטלעריסטען

ווי ען, 22 (ספּ. טעל.)

קאַנצלער דאָלפוס האָט געהאַלטען אַ שאַרפע רעדע געגען די היטלעריסטען.

---

10 די ליסטע פון פעראייניגטע ציוניסטישע בלאָק

אין X וואַהל־קרייז (צענטער פון דער שטאַט) טראָגט דעם נומער 10

אויף דער ליסטע פיגורירען, בעקאַנטע געזעלשאַפטליכע טוער, ווי: ג. ראַטמאַן י. מ. ביאַלער, ד"ר קרויש, פרוי דענטיסטין מלכה רעזניק, אינזש. ג. פּראַשקער און אַנדערע.

יודען פון X וואַהל קרייז נור פאַר דער ליסטע דאַרפט איהר אַגיטירען און שטימען.

פעראייניגטער יודישער וואַהל־קאָמיטעט

דער הויזבעזיצער־קאָמיטעט ביים צענטער. הויזבעזיצער־פעראיין, פּעטריקאַווער 46

הויזבעזיצער!

דער הויזבעזיצער־שטאַנד, וועלכער איז אַמשטאַרקסטען פערבונדען מיט אונזער שטאָט, וועמענס אינטערעסען ס'גיסען זיך אונגשטרייטבאַר צונויף מיט די אינטערעסען פון דער שטאָט לאָדז, האָט ביז איצט נאָך נישט געהאַט קיין גענוגענדע רעפּרעזענטאַנץ אין לאָדזער שטאָט־ראַט. שוין די רעגירונג און די געזעצגעבע־רישע קערפּערשאַפטען, האָבען אין דעם נייעם וואַהל־געזעץ דעם הויז־בעזיצער, וועלכער האָט נישט זיין וואוינאָרט אין דער שטאָט וואו זיין הויזבעזיץ געפינט זיך, אָנערקענט וואַהל־רעכט אָקצעני־פּידענדיג דערמיט, אַז די שיכט פון דער בעפעלקערונג בעדאַרף זיין דער יסוד פון דער שטאָט־פערוואַלטונג.

די פּאַרטיי־דעמאַגאָגישע שנאה צום הויזבעזיצער־שטאַנד, האָבען אַרויסגעוואָרפען אַ מורא אויף מאַנכע הויזבעזיצער און זייערע פאַמיליע־אָנגעהעריגע, ובפרט אויף די דאָזיגע, וועלכע נעמען אַנטייל אין געזעלשאַפטליכער אַרבייט, און געשאַפען אַ שטימונג, אַז די מייסטענטיילס הויזבעזיצער ביים אָפּגעבען זייער שטים האָבען געוועהלט אין שטאָט־ראַט געגנער פון הויזבעזיצער־שטאַנד, בעפאַרציהענדיג דעם פּאַרטיי־פּאָליטישען מאָמענט.

ס'איז צייט צו מאַכען אַ סוף צו אַזאַ לאַגע, דער הויז־בעזיצער שטאַנד, אין די ווירטשאַפטליכע גרופּע, וועלכע שטעהט אין דער ערשטער רייה פון די בויער פון די שטעט אין פּוילען, אויף דער שיכטע שטיצען זיך אין אַ בעדייטענדער מאָס די שטאָטישע בודזשעטען, נאָר דורך אונזער פּריוואַט איניציאַטיווע און אונזער אַנטייל ענטוויקלען זיך די שטעט און פערשענערען זיך, און ווער איז נאָך אַזוי ענג פערבינדען אין איהרע פריידען און ליידען מיט דער שטאָט, ווי דער הויזבעזיצער שטאַנד?

מיר מוזען זיך דאָס אַליין קלאָר מאַכען, און הויך וועגען דעם ריידען, מיר מוזען דאָס זאָגען קודם כל די אַלע דעמאַגאָ־גען, וועלכע האָבען געהאַט די גאַנצע צייט איין ציל אין זינען, צו פערדינען אין שטאָט און צו פיהרען אַ רויב־ווירטשאַפט, דער עיקר עס זאָל מאַכען אַ כלומרשטען עפעקט אין זייער ווירטשאַפט־ליכע שטאָטישע פיהרונג, זיי האָבען זיך דאָס געמענט דרייסט ערלויבען ווייל עס בינדעט זיי סיי ווי סיי גאָרנישט מיט דער שטאָט.

הויזבעזיצער! ביי די וואַהלען צום שטאָט־ראַט זונ־טאָג דעם 27 מאַי מוזט איהר אויסוועהלען אַלס ראַטמענער אייערע אייגענע פערטרעטער, מענשען וועלכע זאָלען זיין בכוח צו פערטיידיגען אייערע בלוטיגע אינטערעסען אין ענגען צוזאַמענ־האַנג מיט די ברייטסטע אינטערעסען פון דער גאַנצער שטאָט, שטיצענדיג זיך אויף דער אידעאָלאָגיע פון מאַרשאַל פּילסודסקי און שטעלענדיג דעם וואוהל פון דער מלוכה איבער אַלץ. וועלען אונזערע פאָרשטעהער אין שטאָט־ראַט שטרעבען צו אַ האַרמאָ־נישער צוזאַמענאַרבייט פון אַלע עהרליך־דענקענדע פאָרשטעהער פון אַלע גרופּען פון דער לאָדזער בעפעלקערונג, נישט פער־געסענדיג דערביי, אַז זיי זענען יודען. אַלע אָנגעווערהטאנטע פראַגען פון דער יודישער בעפעלקערונג וועלען שטענדיג גע־פינען אין אונזערע פאָרשטעהער די וואַרימסטע אונטערשטיצונג, אין פערשטענדיגונג מיט אנדערע יודישע ראַטמענער.

אונזערע פאָרשטעהער אין שטאָט־ראַט וועלען קעמפען פאַר:

1) אין דער צייט פון ווירטשאַפטליכען קריזיס זאָל פער־קלענערט ווערען דער שטאָטישער ביודזשעט ביז צו גרעניצען פון אונבעדינגטער נויטווענדיגקייט.

2) די שטייער לאַסטען זאָלען פונאַנדערגעלעגט ווערען גלייכמעסיג און גערעכט אויף אַלע שיכטען פון דער בעפעלקע־רונג, וועלכע גענייסען פון די קאָמונאַלע איינריכטונגען.

3) ס'זאָלען אדורכגעפיהרט ווערן די נויטיגע אינוועסטיציעס (למשל קאַנאַליזאַציע) אויף אַנ'אופן, אַז דער הויז בעזיצער שטאַנד און די בעפעלקערונג זאָל נישט רואינירט ווערען.

4) די אָפּצאָהלען פאַר קאָמונאַלע איינאָרדנונגען (קאַנאַליזא־ציע עוו. וואַסערלייטונג) און קאָנצעסיאָנירטע אינסטיטוציעס זאָלען פעסטגעשטעלט ווערען אויף אַנ'ערטרעגליכען אופן.

5) די שטאָטישע געזעלשאַפטליכע שוץ זאָל פערברייטערט ווערען דורך געבען די אַרבייטסלאָזע און אָרימע אונטערשטיצו־נגען אויך אויף צאָהלען דירה געלד

6) בויען פאַר דער אָרימער און אַרבייטסלאָזער בעפעלקע־רונג שטאָטישע הייזער, כדי צו געבען זיי הילף אויף אַנ'אופן, וועלכע זאָל דערהאַלטען זיין כבוד און זאָל גלייכצייטיג נישט טרעפען די אינטערעסען פון אונזערע שיכטען.

7) דערהאַלטען די טראָטואַרען, ברוקען, סקווערען, א. א. וו. אין אַזאַ צושטאַנד וואָס זאָל ענטשפּרעכען די אַספּיראַציעס, וועל־כער יעדער אייראָפּעער האָט בנוגע א שטאָט מיט אַ 600 טויזענ־דיגער בעפעלקערונג.

8) ס'זאָלען נישט געמאַכט ווערען קיין שום אונטערשיד אין רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט אין קיין שום אַנגענדע פון דער שטאָטישער זעלבסטפערוואַלטונג.

הויז־בעזיצער! אויב איהר ווילט, אַז אייער שטים זאָל געהערט ווערען איז שטאָט־ראַט און ס'זאָל פערטיידיגט ווערען אונזער פּראָגראַם, מוזט איהר, און אייער משפּחה, דעם 27 מאַי שטימען אויסשליסליך אויף אונזערע קאַנדידאַטען.

פעראייניגטער יודישער וואַהל־בלאָק

הויז־בעזיצער־קאָמיטעט ביים צענטראַלען הויזבעזיצער־פעראיין, פּיעטריקאַווער 46.

די פערוואַלטונג פון „לינת־הצדק" רופט

אַלע מיטגלידער, דיזשורנעס און סימפּאַטיקער זיך צו שטעלען היינט 9 אוו. אין פעראיינס־לאָקאַל (ציגעל גאַס 17) ס'האַנדעלט זיך וועגען דער וואַהל־אַקציע צום שטאָט־ראַט.

אַלע ווי איין מאַן שטיצען די קאַנדידאַטור פון אונזער וויצע־פּרעזעס

א. שטיינשניידער

פאַר גאַרד, ביזשוטעריע און לאָמבאַרד־קוויטעס צאָהלט די העכסטע פּרייזען

אליזאַר פּיאַלקאַ

פּיעטריקאַווער 7.

Dr. J. NEUMAN

כירורג און גינעקאָלאָג

(פּרויען־אַרצט)

נעמט נישט מעהר אָן אין דער לעטשניצע „Vita" נור אינדערהיים

פון 11.30 ביז 1 ביימאָג און 7 ביז 8.30

זאַכאָדניאַ 57, טעל. 128-95

אויערען, נאָז און האַלז־קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פּיעטריקאַווער 67, טעל. 127-81

נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.) ווי אויך אַמבולאַ־טאָרישעס פון 11—2 און פון 5—8 אָוונט.

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Rybak Rachmil, Bazarna 7 Nr. 94385.

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד העניעס מאָרגענטאַלער מיט פרל. לאָלאַ נונבערג ווינשט אַ האַרציגען מזל־טוב און פיל גליק

לעאָן קאַז.

Dr.

Wajnberg

ספּעצ. פון לונגען, האַרץ און סקלעראָזי־קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

וואוינט יעצט פּיעטריקאַווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אָוו.

די איבערקעהרעניש אין לעטלאנד און די יודען

וואַרשאַ (יט"אַ) אַ פּערזאָן, וואָס איז אָנגע־קומען פון ריגע קיין וואַרשע האָט מיטגעטיילט דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור פאָלגענדע פּרטים וועגען די לעצטע געשעהענישען אין לעטלאַנד און וועגען דער לאַגע פון די יודען:

די איבערקעהרעניש אין לעטלאַנד איז געקו־מען גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר אַלעמען, הגם מען האָט זיך דערויף געקאָנט ריכטען שוין זינט אַ לענגערע צייט. באַך מיט אַ וואָך פריהער האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אַריינגעטראָגען אין לעט־לענדישען סיים אַן אָנפראַגע וועגען די געפּלאַנטע פּוטש־פּלענער. טראָץ דעם, איז די איבערקעהרע־ניש אויך פאַר זיי געקומען אַזוי פּלוצים, אַז זיי האָבען נישט בעוויזען צו שטעלען קיין שום ווידער־שטאַנד. די גאַנצע איבערקעהרעניש האָט געדויערט עטליכע שעה. ביינאַכט האָט מען אין זייערע דירות אַרעסטירט אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער, פערנומען אַלע זייערע געביידעס און אינסטיטוציעס און איבערפּריה איז די בעפעלקערונג שוין גע־שטאַנען פאַר אַ געשעהענעם פאַקט.

דער איצטיגער מיניסטער־פּרעזידענט אול־מאַניס, וועלכער איז איצט פאַקטיש דער דיקטאַטאָר פון לעטלאַנד, איז געשטאַנען בראש פון דער לעט־לענדישער מלוכה אויך בעת איהר פּראָקלאַמירונג. אולמאַניס איז דער פיהרער פון דער פּויערים־פּאַר־טיי און איז בעקאַנט אַלס ענערגישער און ערפאַה־רענער מלוכה־מאַן. עס איז פאַר קיינעם נישט קיין סוד, אַז אפילו אין די צייטען, ווען אולמאַניס איז נישט געשטאַנען בראש פון דער רעגירונג (ער איז איצט מיניסטער־פּרעזידענט צום 8־טען מאָל), האָט ער אויך פאַקטיש אָנגעפיהרט מיט דער מלוכה און די איבעריגע מיניסטאָרען פון פּויערים־בונד, וועל־כע זענען געווען פערטרעטען כמעט אין אַלע ביז־איצטיגע רעגירונגען האָבען אויסגעפיהרט זיינע דירעקטיוועז.

בנוגע דער שטעלונג פון אולמאַניס צו יודען דאַרף אָנגעוויזען ווערען, אַז זיינע פריהערדיגע רעגירונגען פלעגען זיך תמיד שטיצען אויף די מינדערהייטען, בתוכם אויך יודען. זיינע פּאָלי־טישע געגנער האָבען איהם נישט איינמאָל דער־פאַר שאַרף אָנגעגריפען. בעזונדער'ס פריינדליכע בעציהונגען האָט אולמאַניס אונטערגעהאַלטען מיט'ן פיהרער פון דער לעטלענדישער אגודה דעפ. מ. דובין, וועלכער האָט איהם געשטיצט אין אַלע זיינע אַקציעס.

וואָס איז אָבער שייך דער בעציהונג פון דער איצטיגער רעגירונג צו די יודען אויף להבא, איז ליידער נישטאָ קיין שום מעגליכקייט צו גע־בען אויף דער פראַגע אַ מעה־ אָדער וועניג־ריכ־טיגען ענטפער. אולמאַניס אין ביז־איצט נישט גע־ווען בעקאַנט אַלס אַנטיסעמיט. ער האָט אָבער איצט אַריינגענומען אין זיין קאַבינעט פּערזאָנען, וועמענס נעמען עס זאָגען נישט אַן קיין שום גוטס פאַרן לעטלענדישען יודענטום.

קודם כל זענען דאָס דער שטעלפערטרעטער פון מיניסטער־פּרעזידענט מ. סקוינעק און דער בילדונגס־מיניסטער פּראָפ. אַדאַמאָוויטש.

סקוינעק איז בעקאַנט אַלס אויסגעשפּראָ־בענער אַנטיסעמיט און ער האָט די גאַנצע צייט גע־קעמפט פאַרן בעגרעניצען די בלומרשטע „פּריווי־לעגיעס" פון די מינדערהייטען דערונטער אויך פון די יודען. ער איז תמיד אַרויסגעטרעטען פאַרן בע־גרעניצען די שול־אויטאָנאָמיע פון די מינדער־הייטען און פאַר אָפּשוואַכען די עקאָנאָמישע פּאָ־זיציעס פון די יודען. אַזוי ווי ער וועט אין נייעם קאַבינעט שפּילען זעהר אַ גרויסע ראָל, האָט מען מורא, אַז די יודען זאָלען גאָר איינגיכען דערפיה־לען זיין השפעה אין דער רעגירונג.

שוין איצט איז בעקאַנט געוואָרען, אַז אין מיניסטאָרען־קאַבינעט איז אַריינגעטראָגען געוואָ־רען אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען פערשמעלערען די רעכט פון מינדערהייטען אין שול־וועזען און אַד־מיניסטראַציע. מיט אַנדערע ווערטער בעדייט דאָס אַ סוף פון דער שול־אויטאָנאָמיע פון די מינ־דערהייטען.

וועגען אַ וועלכען עס איז עפענטליכען יודי־שען לעבען קען איז לעטלאַנד לעת־עתה גאָר קיין רייד נישט זיין. מחמת עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרען די טעטיגקייט פון אַלע פּאַרטייען, געזעל־שאַפטען און אָרגאַניזאַציעס.

אין אָנהויב האָט די מאַכט געשלאָסען צוזאַ־מען מיט אַ רייהע נישט־יודישע צייטונגען אויך דעם רעוויזיאָניסטישען אָרגאַן „אַוואַנט־פּאָסט" און אַלע יודישע וועכענטליכע אויסגאַבעס. אויף מאָר־גען האָט מען געשלאָסען אויך דעם „פריהמאָר־גען" און די אָוועבד־אויסגאַבע פון דער צייטונג „בייטאָג", אַזוי, אַז דאָס לעטלענדישע יודענטום איז געבליבען אָהן אַ פּרעסע.

דערלויבט האָט מען באַר די וואָכען־אויס־גאַבע פון דער אַגודה „אונזער שטימע". דערווייל דויערן באַך אין גאַנץ לעטלאַנד די מאַסען־אַרעס־טען אין די לינקע קרייזען. צוזאַמען מיט די ס.־ד.־לידערס האָט מען, ווי בעקאַנט, אַרעסטירט אויך די פיהרער פון לעטלענדישען „בונד" ד"ר ב. מייזעל און י. ראַבינאָוויטש, בונדישע ראַטמענע־ אין אַ רייהע שטעט און אַלע אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבען פערנומען פעראַנטוואָרטליכע פּאָס־טענס אין לינקע אָרגאַניזאַציעס. עס איז געשלאָסען געוואָרען דער בונדישער פּרץ־קלוב, די פאָלקס הויז און אַנד. מען האָט דורכגעפיהרט רע־וויזיעס אין אַלע לינקע אָרגאַניזאַציעס און אַלע ביכער און דאָקומענטען אַוועקגעפיהרט אין דער פּאָליטישער פּאָליציי.

די אַרעסטען האָבען ביז־איצט נישט אָנגע־ריהרט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזען אין לעטלאַנד.

ווי מען גלויבט, אין ריגע וועט מען אין עט־ליכע חדשים אַרום סירוב אַרעסטירטע בעפרייען. ווייל געגען זיי קען מען איינענטליך נישט אַרויס־שטעלען קיין שום קאָנקרעטע בעשולדיגונגען. מיט די אַרעסטען איז מען באַר אויסען צו איזאָלירען די געהעריגע פּערזאָנען און ווי נאָר די נייע מאַכט וועט זיך דערפיהלען גענוג זיכער, וועט מען די אַרעסטירטע, משמעות, ווידער בעפרייען.

צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין לעט־לאַנד הערשט אין אַלגעמיין — אַ געדריקטע שטי־מונג צוליב דער גאַנץ אונזיכער'ער צוקונפט. עס דאַרף אויך פערצייכענט ווערען, אַז צו קיין שום אַנטי־יודישע אַרויסטרעטונגען איז אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער איבערקעהרעניש נישט געקומען.

די ליסטע פון פעראייניגטע ציוניסטישע בלאָק אין 2-טע וואהל-קרייז

(מזרח-טייל פון דער שטאָט)

טראָגט דעם נומער

5

מארעק פיין און ד"ר בערלאס.

אויף דער ליסטע פיגורירט דער בעקאַנ־טער האַנדוועקער-טוער, ג. ראַטמאַן

אַלע יודען פון II וואהל-קרייז שטימען און אַגיטירען זונטאַג, דעם 27. מאי פאַר דער ליסטע 5.

דער חורבן פון האמבורג אלס רעזולטאט פון יודישען באיקאט

וואס אַן ענגלישער זשורנאליסט דערצעהלט וועגען דער שטארבענדער גרעסטער דייטשער פארט-שטאט

לאָנדאָן, (יט"א) דער בערלינער קאָרעס־פּאָנדענט פון „דיילי עקספּרעס" בעשרייבט אַ בע־זוך אין האמבורג און ערקלערט, אַז „האמבורג, דייטשלאַנדס טויער וועג צו וועלט האַנדעל, שטעלט היינט מיט זיך פאָר דאָס בילד פון אַ קירך הויף צווישען שטעט.

קיין שטאָט — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי עקספּרעס" — האָט נישט געליטען אַזוי פיל צוליב היטלערן ווי די דאָזיגע, אַמאָל אַזוי רייכע האַנדעלס שטאָט. דער יודישער באָיקאָט האָט צוגענומען פון האמבורג איהרע עקספּאָרט געשעפ־טען. אַ מוראַדיגער מאַנגעל פון אויסלענדישער וואַלוטע דערשטיקט היינט דעם אימפּאָרט האַנדעל. עס האָבען זיך ווידער בעוויזען בילדער פון דער מלחמה צייט. האמבורגס האַנדעל פון קאַווע, טעה, רייז, מאַיס און קאַקאָאָ פאַלט אַלס נידריגער.

די אָרימע לייט בריהען קאָרן-קאַווע אַלס ערזאַץ, און מתנות אַרבייטסלאָזע מיט שפּייז-קאַרטען וואַרטען געדולדיג אין די רייהען צו קויפען בידנע פּאָרציעס פון ביליגער מאַרגאַרינע, וועלכע מען קען וואָס ווייטער אַלץ שווערער בעקומען.

די ביזנעס-לייט פון האמבורג שרייען אומ־זיסט וועגען אויסלענדישע וואַלוטע. אַמעריקאַנער שיפען מיט מאַרגאַרינען-פעסט, שוועדישע מיט בוי-האָלץ פערלאָזען האמבורג און געהען אין אַנדערע פּאָרטען, ווייל מען האָט זיי נישט בע־צאָהלט פאַר די לאַדונגען. אַמאָליגע צייטען איי־נער פון די רוישיגסטע פּאָרטען אויף'ן צפון-ים, איז היינט האמבורגער טויטענשלאָגען.

אין 1932 זענען אין אַ דורכשניטליכען טאָג געקומען אין האמבורגער פּאָרט 30 שיפען און מעהר, אַזוי פיל פלעגען אויך טעגליך פערלאָזען דעם פּאָרט היינט קומט און פערלאָזט האמבורג קוים אַ האַלבער טוץ שיפען אַמאָליגע צייטען זענען דאָ געווען בעשעפטיגט 14,000 דאָק-אַרבי־טער. איצט איז דאָ אַנגאַזשירט קוים אַ דריטעל פון דער צאָהל, און דאָס אויך בלויז עטליכע טעג אין וואָך.

אונטער'ן היטלער אַרבייטס פּלאַן טאָר מען נישט אָפּזאָגען קיין אַרבייטער און איהר זעהט בעאַמטע, וואָס לעזען צייטונגען אין שטילע ביוראָ'ס, און אַרבייטער וואָס רייניגען שיפען, ווייל עס זענען נישטאָ קיין שיפען צו בויען.

לאַנגע, לאַנגע רייהען פון נוצלאָזע דייטשע שיפען וואַרטען אומעטיגע ביז עס וועט זיך ענדי־גען דער יודישער באָיקאָט. דייטשע שיפס לייט, וואָס קומען פון שאַנכאַי, באַטאַוויאַ, ניו יאָרק און קאַפּשטאָדט, דערצעהלען מיר, אַז אומעטום וואו זיי קומען, בעדייט פאַר זיי די היטלער פאָהן אויפען מאַסטבוים — נישט קיין אָרדנונג, נישט קיין לאָ־דונג, נישט קיין אַרבייט.

אין האמבורג נעמט מען נקמה אָן היטלער'ס פאָהן. קאָמוניסטען שניידען אויס דעם האַקענקרייץ און לאָזען אַ רויטען גרונד. די רויטע פאָהן ווערט אין געהיים אויפגעצויגען אין יו"ט טעג אויפען שפּיץ פון אַ האמבורגער קירך, און דער ערשטער מאי איז געווען אַ קריטישער טאָג פאַר דער פּאָ־ליציי. שטענדיג געגויגט צו לינקס, איז דאָס קאָס מאָפּאָליטישע האמבורג פון 30 ביז 40 פּראָצ. רויט.

דער געהיימער לאָזונג פון די האמבורגער שטורמיסטען איז: „היטלער, גיב אונז ברויט אָדער מיר וועלען ווערען רויט". קאָמוניסטישע צייטונגען, קוריערען און שלאָגווערטער זענען אַ שטענדיג מערקמאָל פון די דאָקען. דער גאַנצער גיפט ווערט אויסגעפלאָזען צום שעף פון די שטורם אָפּטיילונגען, מאַיאָר רעהם.

10 די ליסטע פון פעראייניגטע ציוניסטישע בלאָק אין V וואהל-קרייז (גייערס ראיאָן)

טראָגט דעם נומער 10

פאַר דער ליסטע שטימען אַלע יודען פון גייערס ראיאָן.

אויף דער ליסטע פיגורירט דער בעקאַנטער עסק: **יצחק בערגער מ. גאָלדהירש**

10 יודען פון גייער'ס ראיאָן שטימט נאָר פאַר דער ליסטע 10

„דער טראַום פון ארץ-ישראל"

אראַבישע צייטונגען וואָרענען עמיר אַבדולאַה, ער זאָל איהם נישט נעמען

ירושלים (יט"א) אונטערן קעפּעל „דער טראַום פון ארץ־ישראל" איז אַן ענגליש־אַראַבישע צייטונג אין ירושלים איצט אַרויסגעקומען מיט אַ סענסאַציאָנעלען אַרטיקעל, אין וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען פאָלגענדעס:

מיט דריי חדשים צוריק איז בעוואוסט געוואָ־רען, אַז עמיר אַבדולאַה וועט אין יוני פאָהרען קיין לאָנדאָן, שפּעטער איז אויך בעוואוסט געוואָ־רען, אַז דער עמיר איז געקומען צו אַ געהיימער פערשטענדיגונג מיט איניגע יודישע, אַראַבישע און ענגלישע פּאָליטישע קרייזען מיט'ן צוועק צו ווערען דער קעניג איבער אַ פעראייניגטען לאַנד, וואָס וועט אַרומנעהמען א"י און עבר־הירדן. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט עמיר אַבדולאַה אָנגע־הויבען צו מאַכען בעזוכען אין א"י ביי פערשידענע אַראַבישע פיהרער פון אַלע ריכטונגען און פּאַר־טייען, דערביי האָט ער אויך די דאָזיגע פיהרענדע אַראַבער איינגעלאַדען צו גאַסט צו זיך קיין עבר־הירדן. נישט בעקומענדיג די שטיצע פון אַלע אַראַבישע גרופּען, האָט דער עמיר, ווי עס ווייזט אויס, זיך בעגנוגענט מיט דער שטיצע פון איני־גע אַראַבישע נאָטאַבלען. וועלענדיג אָבער אויך די שטיצע פון די יודען, האָט ער איינגעלאַדען צו זיך צו גאַסט דעם מיטגליד פון דער ציוניסטי־שער עקזעקוטיווע משה שערטאָק און נאָך אַ יודי־שען פיהרער.

די צייטונג איז אָבער מתרה דעם עמיר, אַז די אַראַבער אין ארץ־ישראל קוקען מיט גרויס חשד אויף איהם און אויף זיינע שטילע פערהאַנד־לונגען און זיי וועלען נישט דערלאָזען, אַז ער זאָל זיין דער הערשער איבער א"י.

אויב א"י און עבר־הירדן וועלען פעראייניגט ווערען אַלס איין מלוכה אונטער דעם עמיר, זאָגט דאָס בלאַט — וועט עס בעדייטען, אַז די אַראַבער בעהמען אָן און אָנערקענען די באַלפור־דעקלאַראַ־ציע אויך פאַר עבר־הירדן. דערצו וועלען די אַראַ־בער איז א"י קיינמאָל נישט דערלאָזען.

וואהל-אקציע ביי די לאדזער ציוניסטען

נעכטען איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פאַרן אַלטשטעטישען ראיאָן. עס איז אָנגענומען געוואָ־רען אַ רעזאָלוציע צו שטימען פאַר די ליסטע פון פעראייניגטען ציוניסטישען וואהל בלאָק.

ראדיא-פראגראם

מיטוואָך, דעם 23-טען מאי 1934

7 צייט-סיגנאַל, 7,05 גימנאַסטיק, 7,25 גראַמאָפאָן, ידיעות, 7,40 גראַמאָפאָן, 7,55 הויז-ווירטשאַפט, 11,40 פּרעסע, 11,55 קאָמוניקאַט, צייט-סיגנאַל, 12,05 גראַמאָפאָן, 12,30 ידיעות, 12,33 מוזיק, 12,55 ידיעות, 3 מאי-לידער, 3,05 עקספּאָרט, קאָמוניקאַט, 3.20 קאָנצערט פון זאָפיאַ דאַווידזאָן, 3,50 פּראָגראַם פאַר קינדער, 4,20 פון די טטושעלצעס, 4,35 גראַמאָפאָן, 5,30 רעפּערטאָען, 6,10 קאָנצערט, 6,55 פערשידענעס, 7,15 רעפּערטואַר פון די טעאַטערן, קאָמוניקאַט פון לאָדז, 7,25 רעפּעראַט, 7,40 ספּאָרט, ידיעות, 8,02 טראַנסמיסיע פון דער וואַרשאַווער אָפּערע, בעת די פּויזעס רעפּעראַטען, ידיעות, קאָמוניקאַטען 11,20 גראַמאָפאָן.

ראטעוועט אייער געזונד!

קראַנקע אויף רוקפּורען (ברוך-קראַנקהייטען)

ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע הייל-גומי-באַנדאַזשען פון מיין מעטאָדע העלפען ראַדיקאַל אונטער גאַראַנטיע אָהן אָפּעראַציעס פון אַלע מינים ברוך-קראַנקהייטען (רופּטורען) אפילו די עלטעסטע און געפעהרליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער.



דאָס אראפּלאָזען זיך פון מאַגען און קישקעס בעזייטיג איך דורך פערלעגען ספּע־ציעלע אינדיווידועל צוגעפּאַסטע בויך-באַנדאַזשען. אויף אויסגעקרימטע רוקען-ביין (הויקערס) אָרטאָפּעדישע הייל-גאָרסעטען אויף ביינער-שווינדזוכט און אַלע אַנדערע פעהלערן אָרטאָ־פּעדישע הייל-אַפּאַראַטען אויף פּלאַטפוס.

פּעציעלע איינלאַגען לויט גיפּס-מאָדעלען, אויף זשילאַקעס.
- גומי-זאָקען לויט מאָס. קינסטליכע הענד און פיס

ספּעציעלער אנשטאַלט פאַר הייל-אָרטאָפּעדיע

Spec. Ortop. O. PETRYKIEWICZ אויס לעמבערג

לאָדז, פּיראַמאָוויטשאַ 9 (אַלגינסקאַ)

(פּראָנט פּאַרטער), טעל. 177-09 נאָהענט פון לאָדזער פאַבריקס-באַהנהויף

בעמערקונג: דאָס ערשיינען פון די קראַנקע איזאָונבעדינגט נויטיג. צאָהלרייכע דאַנקזאָגונגען און דאַנק-בריף.

(אין זגערזש אויף טלאָמאַצקאַ № 2 און № 4 איינענע הייזער)

לאדז 23 מאי 1934

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז 23 מאי 1934

שלעכט, ערגער, קאטאסטראפאל

רעוועלאציעס פון א געטרייען נאצ.-סאציאליסט

צווישען הימעל און ערד מאכען זיך אזא זאכען, וועלכע דער סאמע געשיקטער און האפיגירטער היטלעריסטישער זשורנאליסט קען נישט בעוויזען צו פערטושען. צו די זאכען געהערען: דער באנקראט פון דייטשען עקספארט, די קאטאסטראפאלע לאגע פון דער דייטשער וואלוטע, דאס אשטארבען פון דער דייטשער פרעסע, די שווערע לאגע פון דייטשען בוך... און דא ווערען גארנישט העלפען די כיטרע אויסדריידענישען און די קונציגע בליאגען. וועגען די דאזיגע זאכען שרייבט אפילו די גלייכגעשאלטעטע פרעסע און אנערקענט, אז אין די ענינים איז יעדענפאלס נישט אלצדינג אין ארדנונג. עס פערשטייט זיך, ביי דער געלעגענהייט ווערט אונטערגעשטראכען, אז עס האנדעלט זיך נאר וועגען אויסנאהמען, ווייל די דייטשע ווירטשאפט אנטוויקעלט זיך אויסגעצייכענט. מיר ווייסען דאך אלע, אז א דאנק די אומגעהויערע עפאלגען אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט איז דער קריזיס כמעט שוין אויף א העלפט בעזיגט...

אבער אט איז ערשט נישט לאנג פארגעקומען אין ברעמען א צוזאמענפאהר פון דייטשען אויסלאנד־האנדעל און אויפ'ן דאזיגען צוזאמענפאהר טרעט ארויס נישט אבי ווער, נאר דער בירגערמייסטער פון דער שטאט האמבורג און האלט א רעדע וואס קלינגט ווי די גרעסטע רעוועלאציע. ער זאגט אזוי צו זאגען: ווען איהר ווערט זיך דורכשפאצירען איבער די דייטשע האפענס, דאכט זיך אייך אויס פון ערשטען בליק אז אלין איז אין דער בעסטער ארדנונג. איך בעט אבער צו געבען א קוק הינטער די קוליסען און דאן וועט זיך ארויסווייזען, אז די סיטואציע איז קאטאסטראפאל, אזוי ווי אין ערגעץ נישט אין דייטשלאנד. אפילו אין דער לאנדווירטשאפט איז נישט אזוי שלעכט. אלס עדות קאן איך זיך דא פערופען אויפ'ן פרעזידענט פון דער רייכסבאנק ד"ר שאכט, וועלכער קען די לאגע, וועלכער האט זיך בעקענט מיט די בילאנסען פון די גרויסע שיפס־געזעלשאפטען און האנדעלס – הייזער. אויב מען וועט נישט קומען צו הילף די האנזא־שטעט (די האפענס – שטעט ביים דייטשען ים). דאן מוז זיך זייער ווירטשאפט איינברעכען".

דער בירגערמייסטער פון האמבורג האט, ווי מען זעהט, אין זיין רעדע דערציילט בכלל זעהר אינטערעסאנטע זאכען: ער האט ערקלערט, אז די סיטואציע אין די האפען־שטעט איז אזוי קאטאסטראפאל, ווי אין ערגעץ נישט אין דייטשלאנד, אז די לאגע איז אפילו ערגער, ווי דער מצב אין דער לאנדווירטשאפט. אבער אום גאטעס ווילען, צי איז די לאגע אין דייטשלאנד אזוי קאטאסטראפאל און אין די האנזא־שטעט נאך קאטאסטראפאלער? און דאן דער פערגלייך מיט דער לאנדווירטשאפט! האט מען דאך אהן אויפהער איינגערעדט דער וועלט, אז היטלער האט געראטעוועט די דייטשע לאנדווירטשאפט און אז די פויערים לעבען זיך אין דריטען רייך אויסגעצייכענט. און דא קומט צו גיין דער האמבורגער בירגערמייסטער קראגמאן און פיהרט זיך אויף ווי א העלפאנד אין א סקלאד פון פארצעלייען און שרייט, אז די לאגע איז בכלל זעהר שלעכט, אז בעזונדערס שלעכט איז אין דער לאנדווירטשאפט און אז נאך ערגער איז אין די האנזא־שטעט! וואס זאל דאס אלעס בעדייטען?

ערשט איצט ווערט קלאר, פארוואס דאס פראפאגאנדע־מיניסטעריום האט אין צוזאמענהאנג מיט היטלערס רעדע פון ערשטען מאי אנגעהויבען א קאמפאניע „געגען די העצער, געגען די קריטיקאסטערס, געגען די מורמלער, געגען די מענשען, וועלכע זענען אייביג נישט צופרידען" און באטירליך געגען די יודען. די קאמפאניע איז, ווייזט אויס, פשוט געווען אומבעדינגט נויטיג, אויב אפילו די נאציאנאל־סאציאליסטישע בירגערמייסטערס גייען שוין איבער אין לאגער פון די אומצופרידענע.

אבער אפשר, טוען מיר אן עוולה דעם בירגערמייסטער פון האמבורג. ער האט זיך דאך פערופען אויף ד"ר שאכט, וועלכער ווי עס בעהויפט קראגמאן האט זיך בעקענט מיט די בילאנסען פון די גרויסע שיפס־געזעלשאפטען! לאמיר זאגען, אז די ווערטער וועגען דער אלגעמיינער לאגע און וועגען קריטישען מצב פון דער לאנדווירטשאפט זענען בלויז פראזען, וואס האבען זיך ביים רעדנער ארויסגעריסען אין ברען פון דער דיסקוסיע, אבער דעם מצב פון די האנזא־שטעט קען דאכט זיך דער האמבורגער בירגערמייסטער אויסגעצייכענט. לאמיר אלזא א שפאציר טון מיט איהם איבאיינעם און כאפען א קוק ווי עס זעהען אויס די בילאנסען פון די דייטשע שיפס־געזעלשאפטען.

אויפ'ן ערשטען פלאץ וועט גיין „האפאג" די שיפס־געזעלשאפט, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1847 און וועלכע האט אין יאהר 1930 געציילט 1,097,978 ברוטא־טאן. שטאלץ האבען געפלאטערט אויף די שיפען פון דער האפאג־געזעלשאפט די פאהנען שווארץ־ווייס־רויט, און ווי האט עס אויסגעזעהען אין ערשטען יאהר פון היטלערס רעגירונגס־רעזשים אין דאזיגען מעכטיגען קאנצערן? די איינקונפטען זענען געפאלען פון 16,44 אויף 6,66 מיליאן מארק. מיר זעהען אלזא אן אנטוויקלונג, וואס גייט מיט'ן קאפ אראפ.

און דער בילאנס פון נארד־דויטשען לאיד? אט דער בילאנס שטעלט זיך פאר נאך ערגער. די איינקונפטען פון דער דאזיגער געזעלשאפט זענען געפאלען פון 22.2 מיליאן מארק אויף 6,08, בעזונדערס שטארק האט געליטען דער פאסאזשיר־פערקעהר אויף די שיפען פון דער דאזיגער געזעלשאפט. ההיבו אויף 35 פראצ. הפרצו זענען פערהאן גענוג מאטיווען. עס ווייזט זיך ארויס, אז די פאסאזשירען זענען נישט אזוי געוואלדיג ענטציקט דערפון, וואס אויף דער שיף הערט מען נישט אויף צו שפילען דאס הארסט־וועסעל־ליד און וואס די מאנשאפטען בעגריסען זיך מיט דער היטלער־בעגריסונג. ס'זענען פערהאן אויך אנדערע שיפס־געזעלשאפטען אויף דער וועלט און די קאנקורענץ איז זעהר א גרויסע און דאס לאזט זיך שטארק פיהלען ביים סחורה־טראנספארט, ווייל דער דייטשער עקספארטער איז אויסערגעווענליך צופרידען, ווען ער קאן בכלל עפעס טראנספארטירען און איהם פאלט גאר נישט איין צו שטעלען דעם אימפארטער וועלכע עס זענען בעדינגונגען מכוח די לידער, וואס ווערען אויף דער שיף געזונגען.

מען קאן אייגענטליך פרעגען פון וואנען נעהמען די שיפס־געזעלשאפטען צו דערלייגען אזעלכע ריזיגע סומעס. דערויף איז פערהאן אן ענטפער: נישט רעדענדיג וועגען די מלוכה־סובסידיעס, האבען די דייטשע שיפס־געזעלשאפטען איצט א קוואל פון הכנסה, דהיינו, זיי פערקויפען אויס זייערע שיפען. אין האמבורג קאן מען איצט זעהר ביליג זיך קויפען א שיפעל, ווייל די שיפס – געזעלשאפטען ליקווידירען זיך.

אבער לאנג לעבען פון אזעלכע הכנסות קאן מען נישט. גערעכט איז דעריבער דער האמבורגער בירגערמייסטער, ווען ער דערציילט, אז עס פאלט א קרבן „דער ווערטפולער טייל פון דער בעפעלקערונג פון די האנזא־שטעט". „די אויפלעבענדיגע שטראהלען פון דער דייטשער נאציאנאלער רעוואלוציע" האבען געגעבען א טויט־קלאפ נישט בלויז דער דייטשער פרעסע און דעם דייטשען בוך, זיי האבען נישט נאר דערפיהרט צו רואין דעם דייטשען אויסלאנד־האנדעל און די דייטשע וואלוטע, נאר זיי האבען אויך צוגעפיהרט צום תהום דעם דייטשען שיפס־פערקעהר. דייטשע האנדעלס־שיפען ווערען פערקויפט צו אויסלענדער און די דייטשע פאהן פלאטערט נישט מעהר אויף פיל שיפען, וועלכע האבען פריהער געהערט צו דייטשלאנד. (אב)

„מיר מאכען זיך נישט קיין שום אילוזיעס"

„יודישע רונדשוי" וועגען דער נייער העצע

אין א לייט־ארטיקעל א. ג. „מיר דייטשע יודען" בעהאנדעלט די „יודישע רונדשוי", דאס בערלינער בלאט פון נאציאנאלען יודענטום שטעלונג צו דער רעדע, וועלכע עס האט געהאלטען ד"ר געבעלס און אין וועלכער ער האט די יודען געווארענט צום לעצטען מאל, זיי זאלען נישט פרעטענדירען צו זיין פולווערטיג און גלייכווערטיג מיט די דייטשען, די רעדע, וועלכע איז אומעטום אנערקענט געווארען אלס א מתחיל פאליטישע ערקלערונג לגבי די יודען אין דייטשלאנד. די „יודישע רונדשוי" שטעלט זיך אפ אויף דער גרויסער פעראנטווארטליכקייט, וואס ליגט איצט אויף די דייטשע יודען.

מיר גלויבען, אז פאר פיל יודען וועט די רעדע פון ד"ר געבעלס ווירקען אויפטרייסלענדיג. די יודען ווערען דערמאנט וועגען דעם, אז זיין א יוד איז געווארען אן ערנסטע, זעהר ערנסטע זאך און אז יעדער איינציגער טראגט די פולע פעראנטווארטליכקייט פאר'ן יודענטום. דער גורל פון יעדען יחיד איז צום ענגסטען פערבונדען מיט'ן כלל.

ווען דער מיניסטער זאגט, אז די יודען דארפען נישט ארויסטרעטען לגבי דעם דייטשען פאלק מיט דער פרעטענזיע בעטראכט צו ווערען אלס גלייכווערטיג און פולווערטיג, דארף מען דאס פערשטיין אזוי, אז דא האנדעלט זיך וועגען זייער שטעלונג צו דער דייטשער מלוכה. מיר דייטשע יודען ווייסען, אז אין דער דייטשער מלוכה וועלען מיר נישט בעטראכט ווערען אלס גלייכווערטיגע און פולווערטיגע בירגער. מיר מאכען זיך נישט קיין שום אילוזיעס, אז די געזעצגעבונג וועגען די יודען זאל אפגעשאפט ווערען און אז מיר זאלען דורך דעם ווידער ווערען פולווערטיגע און גלייכווערטיגע בירגער. נישט קוקענדיג דערויף וועלען מיר ערפילען אונזערע פליכטען אין די גרעניצען, וועלכע מען האט אונז אנגעוויזען פילקאם און לאיאל און מיר וועלען אכטען די געזעצען, און דאס איז דערפאר, ווייל מיר זענען מיט דעם דאזיגען לאנד פערבונדען און ווייל מיר פיהלען זיך דערצו איינערליך פערפליכטעט. מיר קאנען אויך נישט און מיר ווילען נישט אויסמיידען ווידער אויפצובויען די צושטערטע פערהעלטענישען מיט'ן דייטשען פאלק אויף א נייער באזע. היינט צו טאג זענען מיר אין דייטשלאנד נישט גלייכווערטיג. מיר טראגען דעם דאזיגען גורל, אבער אלס יודען ווילען מיר דאס פערבינדען מיט שטאלצקייט דערפון, וואס מיר זענען יודען. אלס יודען פיהלען מיר זיך פולווערטיג און אין דער פלעכע פון מענשליכקייט גלייכווערטיג.

דאס איז פאר אונז יודען וויכטיג צו וויסען, כדי מיר זאלען נישט פערלירען אונזער אייגענעם ווערט אלס מענשען און יודען באכדעם, ווי מיר זענען געווארען מינדערווערטיג „אלס דייטשע מלוכה בירגער. מיר קאנען נישט פערשווייגען, ווען מען רופט אונז אן דאס „מערדער־פאלק". מיר וועלען דערמיט נישט געווינען די אכטונג פון אנדערע מענשען.

די אלטע מעטאדען פון פאלעמיק זענען אין נייעם דייטשלאנד אפגעשאפט געווארען, איבעריגענס האבען זי אויך קיינמאל נישט זעהר פיל געהאלפען. אבער מען קאן אונז נישט פערוועהרען, ווען מען רופט אונז אן „מערדער־פאלק" ארויסצוטרעטען און זאגען: אז דאס זענען מיר, נישט קיין מערדער־פאלק, נאר דאס פאלק פון יודען, וואס פיהלט פונקט אזוי ווי יעדער אנדערע מענשליכע גרופע, שמאך און ליידען, שעפערטום און קודם כל עהרע, א פאלק, וואס שטרעבט צו א נייעם לעבען צו שעפערישער ארבייט, באכדעם, ווי עס האט א לאנגע צייט זיך אליין פערלייקענט און אליין דערנידעריגט, און פון דעם שטאנדפונקט, פון דעם דערקענען זיך אליין, האפען מיר, אז אויך די מענשען פון אנדערע פעלקער וועלען זיך מיט אונז קאנען פערשטענדיגען.

אין דעם ארטיקעל ווערט אויך גערעדט וועגען דער בעשולדיגונג פון געבעלס'ן געגען די דייטשע יודען, אז זיי זענען עס שולדיג אין דעם, וואס די יודען אין אויסלאנד באיקאטירען דייטשלאנד. די צייטונג טרעט ענטשידען ארויס געגען דער בעשולדיגונג. זי שרייבט אז אין אינטערעס פון די דייטשע יודען ליגט, דער באיקאט זאל אויפהערען, און וואו די דייטשע יודען האבען איינפלוס, שטעלען זיי זיך אקעגען דעם באיקאט. אבער דאס בלאט איז מודה, אז דער איינפלוס אין דער ריכטונג איז א גאנץ קליינער. אין לאנד, וואו די פערבינדונגען און די השפעות זענען גרעסער, איז דער באיקאט א מינימאלער; דאס איז פאלעסטינע.

דער קאזאק הנגזל איז זשענעווע

דייטשע פרעטענזיעס צו פוילען

אונזערע בעציהונגען מיט בירדע הויפט־שכנים זענען ממש געווארען אידילישע, אויפ'ן פאפיר, ווייניגסטענס, די בעציהונגען מיט'ן ראטענפערבאנד זענען נאך קיין מאל נישט געווען אזוינע גוטע. אויב אויפ'ן עקאנאמישען געביט לאזט זיך עס נאך ווייניג פיהלען, קארגט אבער נישט די סאוויעטישע פרעסע קיין קאמפלימענטען אויפ'ן אדרעס פון פוילען. וועגען דעם האט דער מאסקווער קארעספאנדענט פון „גאזעטא פאלסקא" אטמאל געשריבען אין א לאנגער קארעספאנדענץ וואו ער האט ספעציעל בעטאנט, אז בנוגע פוילען בענוצט שוין נישט די סאוויעטישע פרעסע דעם עפיטעט „דרוזשעסטווענני" (פריינדשאפטלעך), נאר פון נאך א העכערער מדרגה „דרוזשעסקי" (פריינדלעך).

אויך מיט'ן מערב־שכן זענען לעצטענס די בעציהונגען געווארען זיסער פון צוקער.

פערהאן אבער נישט פעריגבעס, וואס ווילען קאליע מאכען דאס גוטע לעבען. און אט האבען זיי איצט ארויסגעשלעפט פון ארכיוו אנקלאגעס פון דייטשען, פוילישע בירגער, קעגען פוילען, און זיי ארויפגעשטעלט אויפ'ן סדר־היום פון ראט פון דער פעלקער־ליגע. נישט קיין וואונדער, וואס „גאזעטא פאלסקא" איז דערפון געוואלדיג אויפגעבראכט און ווידמעט דעם דאזיגען ענין א לאנגע קארעספאנדענץ און חוץ דעם אן ארטיקעל אויף דער ערשטער זייט.

כדאי צו ברענגען א פאר אויסצוגען פון דער קארעספאנדענץ פון זשענעווע:

„די אמביציעס פון די בעאמטע פון סעקרעטאריאט פון דער פעלקער־ליגע גרייכען נישט צו ווייט, די טרוימען נישט וועגען גרויסע ערפאלגען, ווי כאטשבי וועגען מאכען א סוף צו דער מלחמה צוליב טשאקא. זיי וועלען זיך בענוגענען, ווען די פעלקער־ליגע וועט אננעמען א ראפארט וועגען א געוויסען ספעציעלען ענין אויפ'ן געביט פון „מינדערהייטס־שוץ".

„וועלכע נייע מוראדיגע פערפאלגונגען פון די שפראכליכע, רעליגיעזע אדער ראסען־מינדערהייטען האבען עס אויפגעדעקט די הערען פון זשענעווע? וועלכע עוולות זענען עס בעשריבען געווארען אין דאקומענט, וואס איז מיט לוקסוס ארויסגעגעבען געווארען און האלט 60 גרויסע דרוק־זייטען, מיט וועלכען דער ראט וועט זיך דארפען פערנעהמען אויף דער איצטיגער 79־סטער סעסיע?

„עס האנדעלט זיך וועגען... קאנצעסיעס אויף אלקאהאל־אויסשענק אין פוזען און פאמערן! וועגען דער כלומרשטער בע'עוולה'ונג פון פערשידענע שענקער, וואס געהערען צו דער דייטשער מינדערהייט, די פערשידענע הערען שינקע, פאפקע, וואשקע, פונדא, גאנשארעק, צימקא און פראנטקע, וואס די פוילישע מאכט האט ביי זיי צוגענומען די קאנצעסיעס אויף פערקויף פון אלקאהאל־ארטיקלען. אט דאס איז די איינציגע מינדערהייטס־„דראמע", וואס איז ווערט, אז דער זשענעווער ארעאפאג זאל זיך דערמיט פערנעהמען".

ווייטער דערציילט דער קארעספאנדענט, אז אויב דער ראט פון דער פעלקער־ליגע איז לויט די פערפליכטענדיגע טראקטאטען מחויב צו בעטראכטען יעדע אנקלאגע פון א בע'עוולטען בירגער פון אויבערשלעזיע, איז עס אין דעם איצטיגען פאל קיין מוז נישט. די פעלקער־ליגע האט אין דעם פאל נאר צו ברייט אינטערפרעטירט די טעקסטען פון די מינדערהייטס־טראקטאטען, און געטאן האט עס א קאמיטעט פון דריי, וועלכער איז בעשטאנען פון פארשטעהער פון ענגלאנד, פארטוגאל און איטאליע.

די אלע אנקלאגעס שטאמען פון דייטשען דעפוטאט צום פוילישען סיים גרעבע. אין משך פון א סך יאהרען פלעגט ער פשוט פארווארפען די פעלקער־ליגע מיט פעטיציעס. אויפגעהערט האט ער די דאזיגע פראקטיקע זיינע ערשט לעצטענס, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז היטלערס רעגירונג וויל נישט דערגיין פוילען די יאהרען מיט כסדרדיגע אנקלאגעס, נאר פערקעהרט, וויל מיט איהר זיין אין די בעסטע בעציהונגען.

76414 515 852 77198 293 323 725 985 78276 626 35 762 94 938 71 79433 43 57 559 74 665 794 936 80117 734 41 81231 41 611 44 886 82037 187 252 318 963 83103 236 681 84193 398 515 19 701 45 85199 219 30 381 419 57 567 673 90 829 955 86312 615 827 31 947 83 87343 46 54 479 784 857 88157 58 298 89025 105 351 90151 324 560 63 76 628 718 44 91067 151 52 479 506 19 833 62 92128 340 532 82 600 791 93056 150 318 845 94051 164 95 808 71 956 95968 96036 285 931 97416 691 813 73 98201 67 361 883 99598 633 790 100413 67 896 101161 80 402 5 510 87 102458 658 864 97 103056 221 311 92 434 586 788 940 104344 516 749 827 105018 648 835 919 106086 216 65 464 516 775 934 107416 703 79 108074 144 229 397 614 741 848 59 939 109178 704 868 967 110343 532 663 946 111135 220 359 820 46 113020 310 489 910 13015 94 432 46 828.

114342 437 86 95 585 639 115027 96 424 68 957 116182 279 92 597 117155 408 672 747 51 98 118125 37 470 551 892 119040 57 430 816 120047 541 823 900 121143 82 321 64 67 413 546 704 19 24 83 27 22179 401 546 646 910 83 123609 83 124013 220 95 467 943 125071 228 126400 732 84 823 968 127266 699 128231 437 129005 148 251 331 858 130144 401 52 131071 562 132020 100 748 843 33019 294 386 824 987 90 134034 224 397 838 62 906 135298 336 880 917 32 136192 552 710 838 40 137065 261 367 485 589 714 820 75 138039 196 781 139260 490 853 140038 96 272 408 59 863 141062 614 142036 214 717 866 143116 72 427 58 899 914 92 97 144247 317 47[illegible] 505 81 946 145047 250 595 146090 989 147057 131 33 59 205 457 85 86 525 844 83 148076 104 529 908 149186 749 968 15004 292 737 43 817 87 907 151183 721 24.

152404 802 81 995 153063 267 633 777 875 948 154446 728 838 155065 73 115 316 510 34 608 767 822 156136 54 663 717 992 157123 232 36 47 345 519 619 72 854 158891 948 60 159977 88 160250 489 776 161026 81 497 724 56 162059 618 81 163386 405 83 500 672 802 952 62 164093 309 91 96 484 878 943 165395 809 966 166286 524 886 938 167062 405 524 94 762 168081 200 724 844.

קראנג-קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

היינט פרעזענטירען מיר!

דער קעניגליכער ליבהאבער

אין דער הויפטראלע: CLAUDETTE COLBERT

אויסערן פראגראם: קלאנג-צוגאבע פון P.A.T. ווי אויך די נייעסטע וועלטגעשעהעניסען פון וואכען-זשורנאל FOX. דער זאל איז ווענטילירט. אנהייב 4 נאכמיטאג

דאנערשטאג, דעם 31. מאי 1934, 5 נאכמיטאג קומט פאר די 8-טע

אלגעמיינע פערזאמלונג
פון יודישעז רעטונגס-קאמיטעט
צו ערטיילען אהנפראצענטיגע הלואות

אין פעראיינס-לאקאל שענקעוויטשא 3/5 מיט פאלגענדע טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג און וועהלען א פארזיצער.
2) בעריכט פון דער פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע פון דער טעטיגקייט פאר דער צייט פון 1/4 1933 ביז'ן 31 מערץ 1934.
3) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1934/35. פרייע פארשלאגען: די דאזיגע מוזען ווערען צוגעשיקט צו דער פערוואלטונג ביז'ן 25-טען מאי ד. י.

בעמערקונג: אין פאל עס וועט נישט ערשיינען די געהעריגע צאהל מיטגלידער, וועט די פערזאמלונג פארקומען דעמזעלבען טאג מיט 2 שעה שפעטער ביי יעדע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער לויט'ן § 22.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנקה.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעמט אן פון 3—2 און פון 6—8 אוו.

ביטשריפט = בירא
פאר געריכטס - און אדמיניסטראציע-מאכט
B. Mann
האט זיך איבערגעצויגן פון פעטריקאווער 10
אויף פעטריקאווער 82
פארטער, לינקע אפיצינע.

Dr. med.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
Traugutta № 12
tel. 175-10.
נעמט אן פון 11—1 און פון 7—8 אוונט.

ברוך-קראנקע!!!

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז, פון דעם איז גאנץ פוילען בעריהמטען ספעציאליסט ארטאפעד דיר. י. ראפאפארט, וועלכער עקזיסטירט 30 יאהר און איז געווארען אנערקענט פון פיל בעוואוסטע פראפעסארען.

אין דער ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ספעציעל פאר אלערארט ברוך-קראנקע (רופטורען) ביי מענער, פרויען און קינדער, ווי אויך פאר אלערארט קאליקעס און פעהלערן פון גוף. אלע ליידענדע אויף די שווערסטע, פערעלטערטסטע און געפעהרליכסטע ברוכען ווערען מיט דעם נרעסטען ערפאלג, אהן שום אפעראציע, ראדיקאל שנעל און זיכער בעהיילט.

Rapoport

ברוך-ליידענדע!

פערלאזט ביי ט די קראנקהייט,
— ווייל דער ווינקעל-ברוך אז מען פערנאכלעסיגט ווערט ער גרויס ווי א מעגשען-קאפ, און עס שטעלט ארויס אין דעם בעם אונז דער קראנקער אין א גרויסער סכנה. פון פערדרייען זיך די קישקעס קאן מען ווערען בראנדיג און שטארבען. — ספעציעלע ארטאפעדישע גומי הייל-באנדאזשען פון מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט בעזייטיגען שנעל און זיכער די שווערסטע און געפעהרליכסטע ברוכען פעטע. ארטאפ. הייל-באנדאזשען פאר צוריקבעקומענע ברוכען נאך אפעראציעס, ווי אויך ספעציעלע אינדיווידועלע צוגעפאסטע ארטאפעד. בויך-באנדאזשען געגען ארפאלען זיך פון מאגען און קישקעס.

פאר קאליקעס, הויקערס און אלערארט פעהלער פון גוף!

אין מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט ווערען אויסגעפערטיגט די הייל-בארסטע און פון פיל פראפעסארען אנערקענטע מעטאדע ספעציעלע ארטאפעדישע הייל-גארסעטען און שטאנגען פאר פערקרימונג פון רוקען-ביין (Skrzywienie Kręgosłupa), ביינער-שווינדזוכט, ליימונגען, פערקרימטע פיס ביי קינדער און ערוואקסענע, קינסטליכע גומענע הענד (פראטעזען) און פיס, ווי אויך די פראקטישסטע ארטאפעדישע אפאראטען פאר שמערצליכע פלאטס-פיס לויט גיפס-מאדעל.

אכטונג! — אלע קראנקע אין מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ווערען נאר פון מיר פערזענליך בעהאנדעלט. — אכטונג!

30 יעהריגע פראקטיק, פולע גאראנטיע!
ערמעסיגטע פרייזען! עמפפאנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אוו.
עס ווערען אויך אנגענומען מיטגלידער פון אובעזפ. ספאל. (קאסע-כאריך).

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז
Spec. Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped.
פון לעמבערג
Łódź, Wólczańska 10, front, parter, tel. 221-77.

דאנקזאגונג.

דעם ה' ספעציאליסט י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואולטשאנסקא 10 (פראנט, פארטער) דריק איך אויס מיין הייסע דאנקבארקייט פאר איינהאלטן מיר די זעהר שווערע ברוך-רופטור. אב'ערך 25 יאהר האב איך געליטען פון שטענדיגע וועהטאג שמערצען און היינט, א דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט בין איך פריי פון ליידען און ביז פעהיג צו דער ארבייט.

איך בלייב איהם אויף אייביג הערצליך דאנקבאר.

(—) Tema Rozenblum, Brzeziny. (3)

יאהרגאנג 1913

אדראטשעניעס פאר איינציגע שפייזערס, שרייבט דאס קאנצעסיאנירטע
ביטשריפט = בירא
פאר אדמיניסטראטיווע און געריכטליכע ענינים פון
ח. בערגהאלץ,
לאדז, פילסודסקיעגא 6.

אפיעקונסטוועס
(יאהרגאנג 1913)

פאדאניעס וועגען אדראטשעניעס פון מיליטער - דינסט פאר איינציגע שפייזערס, ווי אויך אין אלע אדמיניסטראטיווע און געריכטליכע ענינים, שרייבט:
דאס קאנצעסיאנירטע בירא
פאר אדמיניסטראטיווע און געריכטליכע ענינים פון
י. ח. בוזין,
לאדז, אגראדאווא 3

LECZNICA
chorób
uszu, nosa i gardła
מיט שטענדיגע בעטען
עס ארדינירען די דאקטוירים:
Dr. IMICH, Dr. WOŁYNSKI
PIOTRKOWSKA 55
fr. I p., tel. 174-74.

Poradnia
WENEROLOGICZNA
הויט און וועגערישע קראנקהייטען
איז געווארען איבערטראגען
אויף 2 זשעלאנא 2
(פיעטריקאווער 47)
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד,
זונטאג און הגאות פון 9—2 מיטאג.
א וויזיט 3 זל.
פון 11—1 מיטאג און פון 3—4 נאכמ.
נעמט אן א פרוי-דאקטאר.

לעטשניצע
פאר וועגערישע קראנקע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
לאדז, זאוואדזקא 1
טעל. 205-38
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד.
וועגעריש-קראנקע, טענערשוועכע און הויט-קראנקהייטען, אנאליזען פון בלוט און אורין
די פראפילאקטישע סטאציע
אין טעטיג א גאנצען מעת לעת
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל
א בעראטונג 3 זל.

לעטשניצע „OMEGA"
פון דאקט. ירים-ספעציאליסטען
גלובנא 9, טעל. 142-42
ס'ווערט אנגענומען אויפ'ן ארט, וויזיטען אין דער שטאדט. געבורטס-הילף, ערצטליכע אנאליזען. קווארץ-לאמפען, רענטגען, דיאטערמיע.
אפאטרונקעס און זאשטשיקעס.
בעראטונג 3 זל.

Dr. med. **Niewiażski**
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע
אנדזשעיא, 5 טעל. 19-40
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג.
בעזונדערער ווארטע - זאל פאר פרויען

Ból i niemiłą jego woń usuwa SUDORYN „AP KOWALSKI" WARSZAWA PROSZEK Z SITKIEM

Dr. med.
Wł. ZADZIEWICZ
ספעציאל-ארצט פאר האלז, נאז, אוירען און קעהל-קאפף-קראנקה.
Piotrkowska 164
tel. 125-26.
נעהמט אן פון 4 ביז 8 אוונד.

Dr.
S. Kantor
ספעציאליסט פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען (סיפיליס און טריפער), היילט מענער = שוועכע וואוינט יעצט
Piotrkowska 90, tel. 129-45
נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 4—8 אוו., זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ.
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייז

די נייעסטע עלעקטרישע פאטענטירטע
אלארם-אפאראטען
געגען גנבות, איינברוך און פייער
אינסטאלירט עלעקטרא-קאנסטרוקטאר
מ. נעלבארט, קילינסקיעגא 23
טעל. 142-41
פאר זומער-וואוינונגען ספעציעלע ביליגע איינריכטונגען.

לעכער אויף דער מאש
ווערען אנגענומען אויסצוזייען
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא

קליינע אנאנסען
1 זלאטי אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

עס ווערט געזוכט קעטלער (ר... אויף אבערלאק צו טריקא פון זאפ... זאוואדזקא 27, וו. 14. ...38

Starsza panna, nadająca się do kroju i mierzenia, potrzebna krawcwej. Mania Laufer, ...gierska 40. 2133

פערשידענעס

איך זוך א שותף מיט א 12-ער ס... טער=מאשין, איך וועל אריינלעגען נעהעריגע סומע געלד. אפערטען ... אדמיניסטר. אונטער „נומר 12" ...28

ס'איז פערלוירען געווארען א קא... ראף=ביכעל פון ראבינאט נומער 97 מ'בעט אפצוברענגען געגען בעלוינ... אין דער יאטקע גרינער מארק 9. ...

ס'איז געפונען געווארען א פע... מיט וועש אויף דער לאדזער פאברי... באהן. אבצונעהמען געגען אגאנס-קאסט ביים קיאסק פון פאפיראסען מיעט... קאווער 25.

אכטונג! אכטונג

אין ווישניאווא גורא, אין בעסט... פונקט, צו פערמיטען א לוקסוסאווע ... קאל געאייגנעט פאר א דאקטאר, ... טיסט אדער פענסיאנאט ווי אויך ... שידענע אנדערע וואוינונגען צו ביליגע פרייזען. צו ערפאהרען אין ווישניא... גורא ביי קאץ.

איך מאך בעקאנט די לאדזער ... קען-מאכער, אז איך נעהם אן צו מא... רעפעראטורען פון זאקען-מאשינען ... אויף רענדער=קעפ. מיט אכטונג ווייג... פייפער-גאס 2/4 אין הויף רעכטס וו. ...73

בריליאנטען! גאלד, זילבער, ... בארד-קוויטעס קויפט און צאהלט ... העכסטע פרייזן יובילער מ. מיזעס, פי... ריקאווער 30.

ראקאלען

איבערצוגעבען א געוועלב און א שטוב מיט א קוך שרודמיעסקא 22. 2130

איבערצוגעבען א וואוינונג פון א שטוב מיט א קוך מיט מעבעל צוליב אפרייזע. מיעלטשארסקיעגא 32 רובין. 2126

איך זוך א זוניגע שטוב און קוך מיט בעקוועהמליכקייטען אין צענטרום שטאט, דירעקט פון ווירט. געפל. אפערטען אין אדמיני. אונטער „סאליד 100"

פרייע פאסטענס

עס ווערט געזוכט א פריזיער דאמסקע און מענסקע. וואלבארסקא 33 ביי ראזענצווייג. 2129

א צוקערווארג פאבריק זוכט קוואליפיצירטע פאקערינס צו צוקערלעך. מעלדען זיך פון זאפארט לעשנא 58, וו. 5.

ס'ווערט געזוכט א קוואליפיצירטע פערקויפערין פון דער שיך-בראנזשע. צו מעלדען זיך פיעטריקאווער 161 ביי זאנדבערג פון 8 ביז 9 איוענד.

ס'ווערט געזוכט א קוואליפיצירטע מאשינערין, רעפעזירקע און האנט נייערין, זאפארט. קילינסקיעגא 41 פראנט, 3-טער שטאק. פיש.

ס'איז נויטיג א קוואליפיצירטע מאשינערין צו טריקאטאזש. צו ערפאהרען פאלודניאווא 18, וו. 40. 2136

שטאפערינס ווערען געזוכט ביי ראבינאוויטש, צעגעלניאנא 25, רעכטס, 1. איינגאנג, 3. שטאק. 2139

ס'איז נויטיג א שפולער. צו ערפאהרען פאלודניאווא 20, וואהנ. 81, צווייטער הויף. 2135

עס ווערט געברויכט א קאסע-מאכער פון פאך א שטעפער ביי בודקאווסקי. בזשעזשינער 14. 2137

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה		
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפאלטען		
אין טעקסט—40	—68	4
אבען טעקסט—12	—16	

אויבער דער שטאדט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס נאכפאלגענדע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיני. איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

גרויסע פון דער הויפט-שטאט

ווענען וואס מ'זאל הייבט נישט וועלען שריי-בען, מוז מען צוקומען צום אנגעווייטאגטסטען ארט, צו דער מכה פון אונזער צייט — צו די „נארא"-לייט, „גרינע העמדלעך" און אנדערע היטלער-משרתים אין פוילען.

אבער עס וועט זיכער זיין א גוטע בשורה צו דערציילען, אז — עס ווערט נישט ערגער, נאר בעסער; אז עס לייטערט זיך אויס.

צו אט דער בערוהיגונג, הייסקען א רייה ערשיינונגען און, קודם-כל, די ענערגישע שטעלונג פון דער רעגירונג, פון דער מאכט, לגבי דער פאגראם-אגיטאציע פון די „נארא"-לייט. דער אר-גאן פון „נארא", די יודען-העצערישע „שטאפעטא", ווערט כמעט טאג-טעגליך קאנפיסקירט, די פאר-שפרייטער פון די עקזעמפלארען ווערען ארעסטירט און די „שטאפעטא"-חבריא האט נישט קיין לייכט שטיקל ברויט.

אויך פוילישע בעוואוסטזיניגע ארבייטער אין ווארשא האבען אנגעהויבען אן ענערגישען קאמף געגען די פארשפרייטער פונ'ם אנטיסעמיטי-שען סם. עס זענען שוין געווען פאלען פון גע-שלעגען אין די גאסען צווישען פוילישע ארבייטער און היטלעריסטען; אין דער געגענד פון יודישען ארבייטער-קווארטאל וואגען אפילו נישט די „שטא-פעטא"-חברה צו קומען, ווייל — די גאסען ווערען באלד פול מיט צוריסענע שטיקלעך פון אט העם העצערישען בלאט.

ווי עס זעהט אויס, האבען געוויסע קרייזען שוין אויפגעהערט האפען וועגען בצוואונגען פאר זיך די „נארא"-יוגענד; מען האט זיך ארומגעזעהן, אז פון די יונגע כוליגאנעס וואס מען האבען מעהר חרפות ווי נחת און — מען האט אנגעהויבען א קאמף. הלוואי וואס-ענערגישער און מיט אמת'ער נגינה.

* * * *

איינם יודישען וועלטל האלט ביי געשאפען ווערען א נייע יודישע רעפרעזענטאנץ, וואס וועט ארפען זיין דאס, וואס עס האט בשעתו נישט בע

פון אונזער ווארשאווער קארעספאנדענט

מ. עלבוים

ווינזען צו ווערן דער יודישער נאציאנאל-ראט.

אזוי זאל דער עקזיסטירענדער צענטראלער אנטי-היטלער-קאמיטעט פערוואנדעלט ווערען אין א ברייטען יודישען קאמיטעט, וואס זאל רעפרע-זענטירען דאס פוילישע יודענטום כלפי-חוץ. דאס ענטשטעהן פון דעם ברייטען יודישען קאמיטעט איז א רעזולטאט דערפון וואס דער גורל פון די דייטשע יודען האט אנגעהויבען בעדראהען די יודען אויך פון אנדערע לענדער (אט, למשל, שוין לעטלאנד) און מען דארף ארבייטען נישט נאר פאר די קרבנות פונם ווילדגעווארדענעם היטלעריזם, נאר אויך פאר אלע יודען אין די לענדער, וואו דער אנטיסעמיטיזם האט אנגעהויבען שפרייזען מיט ריזען-שריט.

עס איז דעריבער נאטירליך, וואס די באזע פונם ענטשטעהענדען גרויסען קאמיטעט איז דער אנטי-היטלער-קאמיטעט. די צילען און אויפגאבען זענען כמעט די זעלבע. און אויב זיי זענען נאך נישט די זעלבע — קאנען זיי ווערען, הלוואי נישט.

דער פראיעקט-געבער און שאפער פונם יודישען רעפרעזענטאנץ-קאמיטעט איז ד"ר יהושע גאטליב.

* * * *

נישט ווייניגער וויכטיג וועט אויך זיין צו דערצעהלען, אז עס האלט דערביי, דאס די יו-דישע גמילות-חסדים-קאסעס אין פוילען זאלען בע-קומען א מלוכה-הלוואה פון א האלבען מיליאן זלאטעס.

דער פרעזעס פון „באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא", געניראל גורעצקי האט וועגען דעם ענין אויפגענומען דעם דעפ. ווישליצקי, וועלכען עס איז צוגעזאגט-געווארן אז דער האלבער-מיליאן-זלאטי-הלוואה פאר די גמילות-חסדים-קאסעס וועט בקרוב רעאליזירט-ווערען: די הלוואה זאל זיין

א לאנג-טערמיניגע און ווייניג-פראצענטיגע און די וועקסלען וועלען זשירירט-ווערען דורך א רייה אינסטיטוציעס און פריוואטע איינפלוסרייכע פער-זאנען.

* * *

און איצט — א ביסעלע פאליטיק.

די טעג איז ענטגילטיג פערענדיגט-געווארען אין ווארשא דער קורס פאר „ב.-ב."-טוער. ביים פייערליכען סיום האט דער גצוו. פרעמיער, פול-קאווניק סלאווועק געהאלטען א רעדע, אין וועל-כער ער האט פערזיכערט, אז די רעגירונג איז שטארק און שרעקט זיך נישט פאר קיין שום וואקלענישען. יעדע ענדערונג אויף די מיניסטא-רען-בענקלעך איז בלויז אן איבערגרופירונג פון די כוחות, וועלכע ווערען איבערגעווארפען אויף אנדערע ארבייטען. דער גייסט פון דער רעגירונג, איהר פראגראם פון ארבייט און פלענער אויף דער נאהענטער צוקונפט בלייבען די זעלבע.

„מיר האבען נישט וואס צו פערלירען",

זאגט מאיר דיזענגאף און הייסט פראטעסטירען געגען דער ארץ-ישראל-רעגירונג

ירושלים (יט"א) ארויסטרעטענדיג אויף א זיצונג פון דער תל-אביב'ער מוניציפאליטעט, האט דער בירגערמייסטער מאיר דיזענגאף ערקלערט צוו. אנד.:

„מיר האבען נישט וואס צו פערלירען און מיר קענען זיך גאנץ אפען אנשליסען אין דעם פראטעסט פון דער יודישער אגענץ געגען דער א"י-רעגירונג.

די קאמיסיע, וואס איז אויף דער דאזיגער זיצונג געוועהלט געווארען דורך דער תל-אביב'ער עיריה, דארף בעשליסען, צי די יודען זאלען זיך צוריקציהען פון צאהלען שטייערן אלס אויסדרוק פון פראטעסט. דער פארשלאג אפצוהאלטען זיך פון צאהלען שטייערן געפינט אנהענגער זאגאר צווישען די מעסיגע מיטגלידער פון דער עיריה.

אויף דער דערמאהנטער זיצונג פון דער עיריה איז מיט א רעדע ארויסגעטרעטען אויך דער וויצע-בירגערמייסטער י. רוקח, וועלכער האט צוו. אנד. ערקלערט, אז די איצטיגע פאליטיק פון דער א"י-רעגירונג איז עלול צו ברענגען אן'אינפלאציע פון יודיש געלד. דאס שטייגען פון פרייזען וועט גורם זיין, אז דער ווערט פון אונזער געלד וועט ווערען וואס ווייטער אלץ קלענער. מיר מוזען — זאגט דער רעדנער — פרעגען אפען און קלאר: צי וועט די רעגירונג אונז לאזען לעבען אין א"י אדער נישט?

איינזש. רוקח האט צוו. אנד. אויסגעדריקט א פראטעסט געגען דעם יפו'ער ריכטער ראלף באדילי, וועלכער האט עפענטליך ערקלערט, אז „תל-אביב איז די גרעסטע שטאט אויפ'ן מיטעללענדישען ים", אין תל-אביב, זאגט איינזש. רוקח, קומען פאר יעדעס יאהר גרויסע גאסען-פערוויילונגען און דעמאנסטראַ-ציעס און אלע געהען זיי דורך רוהיג און אין פול-שטענדיגער ארדנונג.

גרויסע אויפנאהמע פאר י. ל. מאגנעס אין ניו-יארק

ניו-יארק (יט"א) מיט דער בעטייליגונג פון העכער 2000 פערזאן, זענען צאהלרייכע פאר-שטעהער פון דער אמעריקאנער וויסענשאפט און פון דער פאליטישער וועלט, איז דא פארגעקומען אן אויפנאהמע פאר'ן קאנצלער פון דער העברעאי-שער אוניווערזיטעט ד"ר י. ל. מאגנעס. די אויפנאה-מע איז ארגאניזירט געווארען דורך דעם אמעריקא-נער „פערבאנד פריינד פון דער העברעאישער אוני-ווערזיטעט". דעם פארזיץ האט געפיהרט ראבינער שטרויס: מיט בעגריסונגס-רעדעס זענען צוו. אנד. ארויסגעטרעטען פראפ. דזשאן דיואי, אלס פאר-שטעהער פון דער וויסענשאפט, און פעליקס ווארבורג.

שטעלונג פון הויך-קאמיסאר

לגבי די עליה-פעראָרדנונג פון דער יודישער אגענץ

ירושלים (יט"א) די יודישע טעלעגראפען-אגענטור דערוויסט זיך פון א זיכער'ער שטעלע, אז דער הויך-קאמיסאר פון א"י סער ארטור וואוקאפ האט געשריבען דער עקזעקוטיווע פון דער יודי-שער אגענץ א בריף, אין וועלכען ער קלערט אויף זיין שטעלונג צוליב וועלכער ער האט נישט גע-קענט פערגרעסערען די צאהל אימיגראציאנס-סער-טיפיקאטען.

אין דעם בריף ציטירט דער הויך-קאמיסאר די מיינונג פון בעריהמטען ענגלישען שריפטשטעלער בייקאן און גיט אנצוהערעניש, אז עס וועט זיין גע-זונדער פאר די יודען אין א"י אויב מען וועט די יודישע אימיגראציע קיין א"י נישט טרייבען צו שנעל אין הויכע צאהלען.

פילמען, וואס זענען פערבאטען אין דייטשלאנד,

צוליב די ארטיסטען, וואס זענען נישט אין ארדנונג מיט זייערע באבעס"

לאנדאן. (יט"א) פון בערלין ווערט מיטגעטיילט, אז די דייטשע פילם-צענזור האט פערבאטען אויפצופיהרען אין דייטשלאנד דעם ענגלישען פילם „מיר זענען פרעהליך" דערפאר, וואס די נאצי-צענזור איז חושד, אז דער ענגלי-שער קאמעדיען-ארטיסט ארטור ריסקאן, וואס טרעט אויף אין דעם פילם, איז נישט קיין ארישער.

אין דייטשלאנד איז אויך פערבאטען גע-ווארען אויפצופיהרען דעם עסטרייכישען פילם „דאס ווינער מיידעל" צוליב דעם, וואס עטליכע פון די ארטיסטען אין דעם פילם זענען „נישט אין ארדנונג מיט זייערע באבעס".

Dr.

Wołkowyski

4 ציגעל-גאס 4, טעל. 216-90

נעהמט אן אין הויט- און ווענערישע קראנקהייטן, מענער-שוואכע

אויפנאהם-שעה'ן פון 8–1 מיטאג און 5–9 אווענד

חורבן פון יודישען קווארטאל אין בערלין

וואס די יודישע גרענאדיר-שטראסע איז געווען אמאל און וואס זי איז יעצט.—די יודען פון דעם קווארטאל זענען זיך צולאפען אין פארשידענע טיילען פון שטאט.-איינזאמקייט און דער איבעריגער שרעק פון די בערלינער יודען

(א בריף פון בערלין)

ווען מען געהט איצט דורך די יודישע גרענא-דיר-שטראסע אין בערלין, איז שווער איהר צו דער-קענען. מען גלויבט נישט די אייגענע אויגען. עס דוכט זיך אויס, ווי מען וואלט פערבלאנדזשעט עפעס אין א פערווארפען וויבקעל, וואו עס איז אקארשט נאך א שרפה. די לעבעדיגע און בעוועג-ליכע גאס איז פונקט ווי אפגעשטארבען און פער-גליווערט. נישטא מעהר דער פריהערדיגער הו-הא מיט דער גאנצער האוועניש און שמייעניש, וואס יודען האבען ארויפגעבראכט אהער, דערפון איז קיין זכר נישט געבליבען. אז א יוד געהט איצט דורך די דאזיגע גאס, איז זיין גאנג א אומזיכערער און צו-ריקגעהאלטענער. אויפ'ן גאס גופא פע-האלט זיך נישט אזא יוד. דא האט ער מעהר נישט וואס צו זוכען. די געשעפטען וואלגערען זיך מעהר נישט אויף דער אפגעבער גאס.

געוועלבער און קראמען האבען זיך דא צוגע-מאכט. אלס „זכר לחורבן", העגנט אויף זיי א רויטער צעטעל מיט דער מעלדונג, אז עס ווערט פערדונגען א געוועלב פאר נישט קיין טייערע פרייז. די מעהר סטע ארויסגעהאנגענע צעטלען האבען אנגעווארען זייער רויטען קאליר און האבען בעקומען עטליכע פארבען מיט אמאל. ווייזט אויס, אז נייע בעלנים אויף די לעדיג-שטעהענדע קראמען זענען נישטא און מען קומט גארנישט נאכפרעגען.

אזוי פוסטעווען אויך די פריוואט-וואוינונגען, וואס מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק זענען זיי נאך אלע געווען בעזעצט. די אייגמאל, פון יודען, פער-לאזענע דירות ווערען מעהר נישט בעוואוינט. דאס ארונטערלאזען פון דירה-געלד העלפט אויך נישט. ווער עס איז אוועק פון דאנען, דער קומט נישט צו-ריק. זעהט טאקע די גאס אויס האלב-חרוב, כאטש די הייזער שטעהען נאך גאנץ.

אין די ארומיגע גאסען איז כמעט דאס זעלבע בילד. די יודען ווערען דא אלץ זעלטענער. וואס א טאג ווייטער, פערשווינדען זיי מעהר און מעהר פון דער אויבערפלאך. טאמער בעווייזט זיך א יוד, לויפט ער גיכער, איידער ער געהט. מען בעקומט דעם איינדרוק, אז גלייכער וואלט דער יוד געוואלט מער בלייבען אין זיין היים, נאר דער אימפעט פון פער-דינען אויף א שטיקל ברויט, לאזט איהם נישט איינזיצען און יאגט ערגעץ-וואו אין א בעשטימטער אדער אומבעשטימטער ריכטונג. ווען נישט דאס, וואלט מען איהם אויפ'ן גאס אפשר גאר נישט געזעהען.

און געשעהען איז דאס אלץ אין פערלויף פון דער קורצער צייט, זינט היטלער איז ארויף אויפ'ן בענקעל. היטלער'ס משרתים האבען גלייך פון אנ-הויב, און פריהער פאר אלעמען, זיך א בעהם געטון צו די יודען פון דער גרענאדיר-שטראסע און איהר אומגעגענט.

די גרענאדיר-שטראסע איז שוין לאנג געלעגען די נאציס ווי א ביין אין האלז. עפעס האט זיי נישט געפאסט, וואס די מזרח-יודען האבען זיך דא גע-האט אויסגעבויט זייער אייגענע געטא. עס איז זיי נישט אנגעשטאנען, וואס יודען פון פוילען און גא-ליציע האבען מיטגעבראכט א שטיק פון זייער גייס-טיגען לעבען אין בערלין.

דערביי זענען די מזרח-יודען קיין זאך נישט געווען אויסען. זיי האבען אויפגעזוכט די גרענאדיר-שטראסע צוליב דער איינציגע אורזאך, וואס זי איז געלעגען באהענטער צו שלעזישען וואקזאל, די ערשטע סטאציע פאר'ן וואנדער'ער, וועז ער קומט צו פאהרען קיין בערלין. א פערמאטערטער פון מיט-שווערליקייטען-פערבונדענער רייזע, האט דער יו-דישער איבערוואנדערער געוואלט וואס גיכער האבען אן'ארט, וואו אנצושפארען דעם קאפ. דער מער-בר-טייל פון דער שטאט איז געווען פאר איהם צו ווייט און אויך צו עלעגאנט. א חוץ דעם, האט ער געוואלט זיין צווישען יודען, צווישען אייגענע, וועלכע זאלען קענען נאך פון זיין היימישער שטעטעל.

די פון מזרח-אנגעקומענע יודען האבען, ווער-ניגסטעס אין דער ערשטער צייט, נישט געוואלט זיין אפגעריסען איינער פון אנדער'ן, איז דער גורל געפאלען אויף דער גרענאדיר-שטראסע און די הער-בייאיגע גאסען. די איבערוואנדערער האבען פון דאנען קיינעם נישט ארויסגעשטופט. מעהר נישט, וואס זיי האבען זיך צוזאמענגעשטופט צווישען זיך. אויב עס איז געווארען ענגליך, האט עס געטראפען זיי אליין. אנ'אנדערען האט מען נישט געמאכט קיין פארוואורף וועגען דעם, מ'האט זיך נאר געזאגט: אז גאט וועט העלפען, וועט ווערען געראמער.

און אזוי איז עס טאקע געווען: ווען איינער האט זיך ארויפגעארבייט און געמאכט א היבשע מטבע, האט איהם מעהר געצויגען צו די גאסען ארום דעם קורפירסטענדאם.

דער גרעסטער טייל פון מזרח-יודען, און צווי-שען זיי אויך פערמעגליכע איז פערבליבען אין גע-טא. די גרענאדיר-שטראסע האט זיך געפיהרט לויט איהר שטייגער, און איז זעלטען אנגעקומען צו דער-דרויסענדיגער וועלט. עס זענען אפילו געווען פאלען, ווען אייניגע האבען זיך אריבערגעכאפט אויף יענער זייט אויסער דער געטא און זענען פערקראכען העט-ווייט אין א ריין-גוי'אישער גאס, נאר שפעטער זענען זיי געקומען צוריק אהער, צום אלטען וואוין-ארט. איז די סאמע ערגסטע צייטען האט זיך דער יודישער כבוד פון גרענאדיר-שטראסע נישט געביטען.

דאס האט געשטאכען די נאציס די אויגען. זיי האבען געוואלט, נישט אנדערש נאר מאכען א תל פון יודישען קווארטאל. די יודישע געטא האט אויך געזאלט ווערען „יודען-ריין"!

ווי אזוי מאכט מען עס? די נאציס האבען פאר דעם זייערע אויסגעפרובירטע מיטלען. זיי לעקען, חלילה, נישט אנגעצונדען א טויטען אויפ'ן ארט, דאס וואלט געווען צו איינפאך. אזא זאך מוז געמאכט ווערען אויף א פערפיינערטען וועג. צי איז נישט בעסער, ווען מען פאר'מיאוס'ט יענעם דאס לעבען אזוי, אז יענער אנטלויפט וואו די פעפער וואקסט?

און אין האניג-חודש פון דער „נאציאנאלער רעוואלוציע" האט די גרענאדיר-שטראסע אלע ווילדע בעקומען א „בעזוך". די שוהוּבעמע „געסט" זענען געווען נישט קיין אנדערע ווי די שטורם-אפטיילונ-גען. פער'שכור'טע פון דעם זיג, האבען זיי געוואלט זיך דא אביסעל משמח זיין. געמאכט האבען זיי עס אויף זייער ארט: געשטאכען און גע'הרג'עט.

אזוי איינפאך, ווידער, איז עס אויך נישט גע-ווען. ווי קומען היטלער'ס משרתים צו זיין רוצחים און גנבים? מ'איז געקומען, האט עס געהייסען, צו מאכען בלויז הויז-זוכענישען. טאמער האבען זיך דא פערשטעקט קאמוניסטען ארגעץ עס ליגט ערגיץ בעהאלטען קאמוניסטישע ליטעראטור און וואפען. ביי אזא געלעגענהייט, קען מען גאנץ אייד-רעל נישט זיין. דאס פאר'ערט א בעשטימטע האנד-לונג. און די שטורם-אפטיילונגען האבען טאקע גע-האנדעלט; אויסגעלאזט האבען זיי דעם כעס זייערען נישט בלויז אויף די שטומע שטוב-זאכען, נאר דער עיקר, אויף די לעבעדיגע אייגענטימער, דאס מיינט, די יודען. מען האט קיינעם נישט געשאנעוועט, אב-גערעכען א יודען די ביינער אין געווען דאס ווער-ניגסטע. אזוינס איז בעטראכט געווארען ווי אפשטע קען א „געוועהנליכען" שלום עליכם. א געוויסע „אויפמערקזאמקייט" האט מען ארויסגעוויזען יענעם יודען, וועמען מען האט גענומען אין שוץ-ארעסט. און אז מען האט איבערם (געוויזען זענען עס צעהנדלי-גער און הונדערטער) פערשלעפט אין א קאנצענ-טראציאנס-לאגער, איז דאס אויך געווען בלויז א „ליבענסווירדיגקייט". מען האט נאך די יודען געטון מיט דעם א טובה.

די יודען פון דער גרענאדיר-שטראסע האבען בעדאנקט פאר אזעלכע אויפמערקזאמקייטען און ליבענסווירדיגקייטען. ווער עס האט נאר געקענט דער האט גענומען האק און פאק און געמאכט א „ויברח" פון דייטשלאנד, וואס אבער האבען גע-זאלט טון די יודען, וואס האבען קיין מעגליכקייט נישט געהאט צו לויפען? פאר זיי איז געווען איינס קלאר, אז מ'מוז וואס שנעלער אוועקציהען פון דער דאזיגער געגענט, וואס איז געווא"ען א מקום מוכן לפורעניות. דאס, וואס יודען וואוינען צוזאמען אין אנ'אפגעשלאסענעם קווארטאל, איז פאר די בערלינער יודען געווארען גאר א צרה. מען קומט צו אפט אפשטאטען וויזיטען.

און עס האט זיך אנגעהויבען א באלדיגע איר-בערוואנדערונג פון אט די מזרח-יודען. מען האט זיך דאס מאל ארויסגעצויגען, נישט פאר וואוילטאג, נאר, אויסשליסליך, צוליב שרעק פאר דעם אייגענעם לעבען.

מ. נארדאן.

Dr. med.

L. Berman

צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע-בעהאנד-לונג און סעקסועלע בעראטונג.

אלע ארט אנאליזען.

נעמט אן פון 8—11 און 4—8 אוו. זונטאג פון 9—1 בייטאג

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען.

האַנדווערקעריי און האַנדעל

די וואַהלען צו דער לאָדזשער האַנדווערקער-קאַמער

צוזאַמענשטעל פון דער הויפּט-קאָמיסיע און פון די קרייז-קאָמיסיעס

די צוגרייטונגס-אַרבייטען צו די וואַהלען אין דער לאָדזשער האַנדווערקער-קאַמער, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען אויפ'ן 8 יולי געהען אין אַ שנעלער טעמפּאָ פאָראויס. די טעג האָט זיך בעוויזען אַ בעקאַנטמאַכונג פון לאָדזשער וואָיע-וואָדע וועגען צוזאַמענשטעל פון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע און פון די קרייז-קאָמיסיעס.

אין דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע פאַר דער גאַנצער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע, וועלכע וועהלט אין דער לאָדזשער האַנדווערקער-קאַמער, זענען בעשטימט געוואָרען: פאָרזיצער — וואַצלאַוו גאָנשאָראָווסקי, רעפערענט פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע, וויצע-פאָרזיצער — אדא דעמידעצקי-דעמידאָוויטש, אינספּעקטאָר פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע. מיטגלידער — לעאָפּאָלד געבאַוער (שניידער), לייזער קערשענבוים (שוסטער), קאָזשימיעזש זאַדזשינאָווסקי (קצב), הערש לעווקאָוויטש (טישלער), וואָלף יונה ווייננבערג (בעקער), אַנטאָני אסמאַלסקי (קאָוואַל), סטאַניסלאַוו טשעשלאַרעק (פריזיער), יוליאַן זייפּערט (מויערער).

פערטרעטער: אַנטאָני יאַזשעמבאָווסקי (שניידער), מענדעל העלער (שוסטער), סטאַניסלאַוו ווישאַק (קצב), מיכאל וואָלפאָוויטש (טישלער), קלמן צווייליך (בעקער), פיאָטר דעמבאָווסקי (קאָוואַל), סטאַניסלאַוו נאָוואַצקי (פריזיער), מאַריאַן אַנטעצקי (שלאָסער).

אין ערשטען וואַהל-קרייז, וועלכער נעהמט אַרום די שטאָט לאָדז זענען בעשטימט געוואָרען: פאָרזיצער — אַנטאָני מאַקאָווסקי (פּאָוויאַט-סטאַראָסטאַ), וויצע-פאָרזיצער — מיעטשיסלאַוו פּאַוולאָטשיק (בעאַמטער פון דער סטאַראָסטווע), מיטגלידער — וולאַדיסלאַוו טוכעצקי (פריזיער), אברהם בעקער (שניידער), יוזעף מאַקראָשינסקי (שוסטער), יאַן זייגנער (קצב).

פערטרעטער: ראַמאַן קאָספּזשאַק (פריזיער), שלמה קאַגאַנאָווסקי (שניידער), ראַמאַן גורסקי (שוסטער), הוגאָ פאָגעל (קצב).

אַ חוץ דעם זענען בעשטימט געוואָרען די קאָמיסיעס אין פּיעטריקאָוו, וויעלון, קאַליש קאָנין און לענטשיץ.

צי וועלען די דאָלאַר-חובות וואַלאָריזירט ווערען?

דעלעגאַציע אין יוסטיץ- און פינאַנץ-מיניסטעריום

אַ דעלעגאַציע פון היפּאָטעק-קרעדיטאָרען האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַרן וויצע-יוסטיץ-מיניסטער שעטשקאָווסקי און איהם געבעטען, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסגעבען אַ געזעץ וועגען וואַלאָריזירען די דאָלאַר-היפּאָטעקען, אַזוי אַז די היפּאָטעק-קרעדיטאָרען זאָלען נישט האָבען קיין פערלוסט.

בעזונדערס האָט די דעלעגאַציע אָנגעוויזען, אַז צוליב דעם איינגעפיהרטען מאָראַטאָריום האָבען זיי פיל פאַרלוסטען.

דער מיניסטער שעטשקאָווסקי האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט אייניכען צוטרעטען אויסאַרבייטען אַ געזעץ, וואָס זאָל ערלעדיגען דעם ענין פון די דאָלאַר-חובות. דער מיניסטער האָט אויך ערקלעהרט, אַז דער גרעסטער טייל פון דער רעגירונג האַלט זיך ביי דער מיינונג אַז עס איז נישט נויטיג צו וואַלאָריזירען די דאָלאַר-חובות, ווייל דאָס ליגט נישט אין אינטערעס פון ווירטשאַפטליכען לעבען. דאָך וועט אויפען געזעצליכען וועג געשאַפען ווערען אַן אויסוועג, אַז די היפּאָטעק-קרעדיטאָרען וועלכע מוזען, צוליב דעם מאָראַטאָריום וואַרטען אויף זייערע חובות, זאָלען דערפון קיין שאָדען נישט האָבען. עס האַנדעלט זיך וועגען אַ געוויסער ענטשעדיגונג פאַר די דאָזיקע היפּאָטעק-קרעדיטאָרען, די דעלעגאַציע האָט אויך איהרע פאָדערונגען פאָרגעשטעלט אין פינאַנץ-מיניסטעריום.

ענטלאַסטונג פון פערלעגענע שטייערען

דאָס בעסטע מיטעל אין קאַמף מיט דעם „אַנאָנימען" האַנדעל און פאַבריקאַציע

אומעטום כמעט האָט מען אָנגעהויבען דעם קאַמף מיט דעם אַזוי-גערופענעם אַנאָנימען האַנדעל און פאַבריקאַציע, אַמשאַרפסטען ווערט דער ענין אָנגענומען אין לאָדז. וואו ס'ווערען פאָרגעלעגט אַזעלכע מיטלען, וועלכע קענען לויט אונזער מיינונג נישט דערפיהרען צום ציל.

ס'איז שוין דורך אונז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז דאָס ראַדיקאַלסטע מיטעל אין קאַמף אין דער דערמאָהנטער פראַגע וואָלט געווען דאָס פעראיינהייטליכען (סצאַלירען) דעם אומזאַץ-שטייער.

אין די ווירטשאַפטליכע קרייזען ווייזט מען איצט אָן, אַז דאָס בעסטע מיטעל, אַז אַלע סוחרים און געהיימע פאַבריקאַנטלעך זאָלען אויסקויפען פּאַטענטען און צאָהלען שטייערען, איז, אַז מען זאָל ערמעגליכען די רואינירטע און האַלב רואינירטע סוחרים אויסצוצאָהלען די אַלטע פערלעגענע שטייערען אין ראַטעס.

די רעגירונג האָט אפילו אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג וועגען פּראָלאָנגירען און רעגולירען די פערלעגענע שטייערען, אָבער נאָכדעם האָט מען אַרויסגעגעבען אַזעלכע צירקולאַרען וועגען דעם, אַז די גאַנצע הנחה איז געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר. מייסטענס סוחרים און פאַבריקאַנטען וויל מען נישט צולייגען די שטייערען אויף ראַטעס.

די סוחרים ווידער, וואָס זענען בכלל נישט אימשטאַנד צו בעצאָהלען, דאַרף מען דעם שטייער שענקען, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען אויפסניי שאַפען געלד צו קאָנען אַרבייטען און האַנדלען.

כאַלופּניקעס וועלען נישט אונטערליגען דעם אינדוסטריע-געזעץ

נייער פּראָיעקט פון האַנדעלס- און אינדוסטריע-מיניסטעריום

דאָס האַנדעלס- און אינדוסטריע-מיניסטעריום האָט אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט וועגען אויסשאַלטען פון אונטער דער ווירקונג פון צעכען-געזעץ די פאָלקס-אינדוסטריע, היימישע אינדוסטריע און כאַלופּניקעס-אַרבייט.

לויט דעם דאָזיגען פּראָיעקט וועלען נישט חל זיין די פאָרשריפטען פון אינדוסטריע-געזעץ: 1) אויף דער פאָלקס-אינדוסטריע, וועלכע ווערט געפיהרט אין די דערפער פון אייגענע און אָנגעפערטיגטע מאַטעריאַלען, אין אייגענעם וואַרשטאַט, אַליין אָדער מיט דער הילף פון פאַמיליען-מיטגלידער אָדער הויז-דינערשאַפט. 2) היימישע אינדוסטריע, וואָס איז נאָר אַ נעבען-פערדינסט ביי דער הויפּט-בעשעפטיגונג און ווערט געפיהרט דורך איין פּערזאָן אָהן שום הילף. 3) כאַלופּניקעס-אַרבייט פון פערזאָנען, וועלכע אַרבייטען אויס, אַרבייטען איבער, פערטיגען אויס זאַכען, וואָס זענען בעשטעלט געוואָרען דורך אַ פאַבריקאַנט אָדער סוחר אויפ'ן גרונד פון אַן אָפּמאַך. די אַרבייטען ווערען אויסגעפיהרט ביים כאַלופּניק אין שטוב און אונטערליגען נישט די אויפזיכט און לייטונג פון בעשטעלער.

דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָט אויך בעקומען די לאָדזשער האַנדווערקער-קאַמער אויף אַרויסצוזאָגען איהר מיינונג. די האַנדווערקער-קאַמער האָט דעם דאָזיגען געזעץ-פּראָיעקט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע צעכען און האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציעס.

וועגען רעגולירען אויף אַ רעכטליכען אופן די לאַגע פון די כאַלופּניקעס

אַ רייה קאָנפערענצען פון אדוו. ווייצמאַן אין וואַרשא

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צעכען-פּראָיעקט, וועלכער איז איצט אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דעם האַנדעלס- און אינדוסטריע-מיניסטעריום וועגען דעם, אַז כאַלופּניקעס אונטערליגען נישט דעם אינדוסטריע-געזעץ (דעם פּראָיעקט ברענגען מיר אויף אַן אַנדער אָרט), האָט אדוו. ווייצמאַן אונטערגענומען אַן אַקציע אין צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד אין וואַרשא, וואו ער איז וויצע-פאָרזיצער, אין דעם פערבאַנד פון די האַנדווערקער קאַמערען, אין דעם האַנדעלס און אינדוסטריע מיניסטעריום וועגען רעגולירען איינמאָל פאַר אַלעמאָל די לאַגע פון כאַלופּניק אויפ'ן געזעצליכען אופן. צו דעם צוועק האָט אדוו. ווייצמאַן געווייַלט אין וואַרשא און אָפּגעהאַלטען אַ רייהע קאָנפערענצען וועגען דער דאָזיגער פראַגע. אדוו. ווייצמאַן האָט אין דער הינזיכט אַרויסגערוקט די פּאָסטולאַטען פון די כאַלופּניקעס, וועלכע זענען שוין אַרומגערעדט געוואָרען אין אונזער צייטונג אין אַ רייהע אַרטיקלען.

פון דער לאָדזשער בערזע

באַנק פּאָלסקי	—	—	—	86.00
3 פּראָצענטיגע	בוראָוולאַנע		—	44.75
4 „	דאָלאַרובקאַ		—	53.00
7 „	סטאַביליזאַציע (אמ.)			66.13
8 „	וואַרשאַווער לאַנד-בריף			55.63
8 „	לאָדזשער		„ „	49.50
ענגלישער פונט	—	—	—	26.95
דאָלאַר — אָפיצ.	— 5.28,	נישט אָפיצ.	—	5.24
גאָלד-דאָלאַר —	—	—	—	8.94
גאָלד-רובל —	—	—	—	4.64
דייטשער מאַרק	—	—	—	2.06

פערשטאַרקטע שטייער-עקזעקוציעס

מ'זוכט אין קעשענעס געלד און צירונג

די שטייער-אַמטען האָבען אין די לעצטע טעג פערשטאַרקט די שטייער-עקזעקוציעס צווישען די סוחרים, מען האָט אָפּגעשטעלט אויף אַ צייט די עקזעקוציעס פאַר אומזאַץ-שטייער, פון לאָקאַל-שטייער און מען האָט אַלע עקזעקוטאָרען ערנוצט אויף איינמאָהנען די שטייערען.

די קומענדיגע וואָך וועט מען שוין צוטרעטען צו מאַכען עקזעקוציעס פאַר אומזאַץ-שטייער.

אין דער היינטיגער וואָך האָט מען אין פיל שטעט געמאַכט רעוויזיעס און עקזעקוציעס אין די פּריוואַטע וואוינונגען. די עקזעקוטאָרען האָבען געזוכט אין די שענק, אין די שופלאָדען און קעשענעס פון די הויז-מענשען. דאָס געלד און די צירונג, וועלכעס מ'האָט געפונען האָט מען צוגענומען פאַר די שולדיגע שטייערען. אין מאַנכע ערטער האָט מען צוגענומען אַפילו גאָלדענע זייגערלעך.

סאָוויעטיש-פּוילישער האַנדעלס-טראַקטאַט זאָל בקרוב געשלאָסען ווערען

די טעג איז קיין וואַרשא געקומען דער סאָוויעטישער האַנדעלס-פאָרשטעהער טאַמאַרין. אַ פּוילישער זשורנאַליסט האָט געהאַט מיט איהם אַ געשפּרעך.

טאַמאַרין האָט אין אָנהויב פון זיין געשפּרעך געזאָגט, אַז ער איז שוין צום פערטען מאָל אין פּוילען, פאַראַיאָהרען מאַי האָט ער פערבראַכט אין פּוילען צוויי וואָכען. ער איז געווען אין גדיניע.

— דאָס וואָס איך האָב געזעהן אין גדיניע — האָט געזאָגט דער סאָוויעטישער האַנדעלס-פאָרשטעהער — איז איבערגעשטיגען אַלע מיינע דערוואַרטונגען. דער בעסטער בעוויז ווי ווייט מיר פאַראינטערעסירען זיך מיט גדיניע איז דער פאַקט, וואָס אין משך פון היינטיקען יאָהר וועלען קומען צום גדיניער פּאָרט סאָוויעטישע שיפען מיט סחורות, וועלכע זענען בעשטימט פאַר פּוילען און די שכנותדיגע לענדער.

וועגען דער ליקווידאַציע פון „סאָוופּאָלטאָרג" האָט טאַמאַרין ערקלערט, אַז דערמיט זענען גאָר געענדערט געוואָרען די פאָרמען פון פּויליש-סאָוויעטישען האַנדעל. פאַקטיש אָבער האָט זיך קנאַפּ וואָס געענדערט. דער האַנדעל וועט ווייטער אָנגיין און וועט געפיהרט ווערען דורך דער האַנדעלס-פאָרשטעהערשאַפט ביי דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע.

טאַמאַרין האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז איצט, נאָכדעם, ווי עס איז צווישען פּוילען און ראַטען-פערבאַנד געשלאָסען געוואָרען אַ נישט-אָנגריף-אָפּמאַך אויף 10 יאָהר און עס קומט פאַר אַ קולטורעלע דערנעהנטערונג צווישען ביידע לענדער — וועלען אויך זיך ענטוויקלען די האַנדעלס-בעציהונגען און עס וועט מסתמא קומען דערצו, אַז עס וועט סוף כל סוף געשלאָסען ווערען אַ האַנדעלס-אָפּמאַך צווישען פּוילען און ראַטען-פערבאַנד.

עקספּאָרט פון לאָדזשער הענדשקעס קיין האָלאַנד און שפּאַניען

ווי מיר דערוויסען זיך האָט אַ היגע גרעסערע פירמע פון דער הענדשקעס בראַנזשע, בעקומען לעצטענס בעשטעלונגען פון האָלאַנד און שפּאַניען, הגם די בעשטעלונגען זענען נישט גרויס האָפט אָבער די פירמע, אַז עס וועט איהר געלונגען צו אָרגאַניזירען אַ שטענדיגען און בעדייטענדען עקספּאָרט פון הענדשקעס אין די דאָזיגע לענדער עס דאַרף בעטאָנט ווערען, אַז דאָס איז נישט דער ערשטער עקספּאָרט פון הענדשקעס אויף די אויסלענדישע מערק, ווייל שוין ווינטער האָט די זעלבע פירמע בעקומען אַ גרעסערען בעשטעלונג פון רומעניען, ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען נאָך האָלאַנד און שפּאַניען געווען פולשטענדיג בעהערשט דורך די דייטשע הענדשקעס אינדוסטריע און ערשט איצט הויבט אָן די לאָדזשער פּראָדוקציע איינצוגווינען צו פערנעהמען די מערק.

געשלאָסען געוואָרען אַ פערשטענדיגונג צווישען די לאָדזשער לויז-צווירנערייען

ווי מיר האָבען שוין בשעתו געמאָלדען האָבען די לאָדזשער לויז צווירנערייען געשלאָסען צווישען זיך אַן אָפּמאַך מיט'ן ציל צו סאַנירען די לאַגע אין דער דאָזיגער בראַנזשע.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט, איז דער דאָזיגער פּרוּב פולשטענדיג געלונגען. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַן איינהייטליכע פּרייז-ליסטע, עס איז כדאי צו בעטאָנען, אַז אייניגע גרעסערע צווירנערייען האָבען זיך אָנגעשלאָסען דער פערשטענדיגונג און צוגעזאָגט זייער ענערגישע מיטאַרבייט.

יודען געדענקט!

היטלערישע באַנדעס פּייניגען אייערע ברידער אין דייטשלאַנד
אייער געוועהר געגען זיי איז באָיקאָט אויף סחורות פון דייטשלאַנד!